STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09117

LIDER FUN A MIDBERNIK

Alter Esselin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער
פון א מדבר׳ניק

אלטער עסעלין

"POEMS OF A HERMIT"

by

ALTER ESSELIN

ביכער פון זעלבן מחבר

„קנויטן" — — 1927

„אונטער דער לאסט" — 1936

Copyright by
ALTER ESSELIN
2116A North 10th Street
Milwaukee, Wisconsin

ארויסגעגעבן פון
קולטור קלוב ביים „פערהיפט"
(פרץ הירשביין פאָלקס טעאַטער)
אין מילוואָקי
1954

שפּיגל פּרינטינג קאָמפּאַני
2469 וו. ליסבאָן עוועניו
מילוואָקי, וויסקאנסין

אינהאַלט

גורל

אויטאָביאָגראַפיש — — — — 12
פון אַ הערמיטס טאָג בוך — — — — 13—15
צום פינקלער פון הימלישן עלנט — — — — 16
מעטאַפאָרן צו אַ תפילה — — — — 17
אַ שאָד — — — — 18
פלעקן אויף אותיות — — — — 19
אַ וואונטש — — — — 20

וידוי

טאָפּלט יאָך — — — — 22
וידוי — — — — 23—26
אויף די ראַנדן פון תנ"ך — — — — 27—29
דיר איז באַשערט — — — — 30
פון אַ בריוו צום אינגל — — — — 31—32
וואָס וועסטו טאָן מיט דער ירושה — — — — 33—34
די קלוגע שווייגער — — — — 35

זעלנעלנט

זעלנעלנט — — — — 39—40
אַ מאָדנע זאַך — — — — 41
ווערטער — — — — 42—43

מיין לעבן פאַר אַ ליד — — — — — — — — — — — — — 44
איך בין פאַרליבט אין לידער — — — — — — — — — 45
כ׳וועל זינגען אַלטמאָדיש — — — — — — — — — 46
וואָס דאַרפט איר אים האָבן — — — — — — — — 47—48
אַ שאַרף וואָרט — — — — — — — — — — — — — 49
וועסט אויספאָרן די גאַנצע וועלט — — — — — — — 50

קאַליידאָסקאָפּיש

צו א. סוצקעווער — — — — — — — — — — — — 53
צו א. לעיעלעס — — — — — — — — — — — — 54
איבערוועררטערלעבע שטילקייט — — — — — — — — 55
צו מ. — — — — — — — — — — — — — — — 56
עמאַ — — — — — — — — — — — — — — — 57
לייענענדיק קאַפקאַן — — — — — — — — — — 58
דימיטרי — — — — — — — — — — — — — — 59
דריי גראַציעס — — — — — — — — — — — — 60
רעטראָספּעקט — — — — — — — — — — — — 61
דאָס בילד אויפן וואַנט — — — — — — — — — 62
פּראַכט־געמעל — — — — — — — — — — — — 63
ליבע פלאַמט ווי פייער — — — — — — — — — 64—65
פרויען — — — — — — — — — — — — — — — 66
דער טויט פון סיינט בערנאַרד — — — — — — — 67—69
עלעגיע נאָך אַ בוים — — — — — — — — — — 70—72
קאַפּריז — — — — — — — — — — — — — — 73
סאָנעט — — — — — — — — — — — — — — — 74
אַן אָקס אין שניי — — — — — — — — — — — 75—77

מעלאנכאָליע אין אַ זונטיק אָוונט

מעלאנכאָליע אין אַ זונטיק אָוונט	82—81
געשעפּט איז געשעפט	84—83
באלאַדע פון פיר	85
צו איינעם מיט אַ רויטער נאָז	87—86
צו אַ מיידל	89—88
אַ תפילה פון אַן אויפגערעגטן	90
צו אַ מיס־אָנער וואָס ליידט פון חרטה	92—91
באלאַדע וועגן אַ געפונענעם אנטיק	94—93
שנאה	96—95
צו אַ פשטן	97
צו אַ לאַנדסמאַן פון נינוה	99—98
צו די אָלימפּער ביים האָדסאָן	102—100
וואָס דער חלום ברייגנגט	104—103
אַ מענטש חלומט	105—108
איבערייך	109
וואָס מ'זעט אין דער לבנה	111—110
אויף דער שמעטערלינג וויים	112
ביימער	113
פייער־פליגן	114
געוויסנביסן	115
האַלט סוד	116
לעסטער גאָט און שטאַרב	117
ווען דער וואָרים	118

עפּיטאַף

פּאַרזיכטיק, טרעט ניט שווער,
צעשטער ניט דעם שלומער.
כ'האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהער —
נאָמענלאָז ווי אַ נומער.
און וועט דיר די נייגער אַ פּיק טאָן
צו וועלן דערגיין ווער עס ליגט דאָ,
טאָ נעם און פאַרשרייב אין דיין כראָניק:
דאָ ליגט אַ פּאָעט ווי אַ קעניג,
וואָס האָט זיך פאַר'סמט מיט דעם האָניק
פון לידער — געמישט מיט אַרסעניק.

גורל

אויטאָביאָגראַפיש

ווער ס׳האָט פון בענדיקע ביכער געלערנט
איידלקייט, פיינע מאַניערן,
גלאָריע פון פעלקער, נעמען פון שטערן,
מיר האָט דאָס לעבן געגעבן אַ ראָסן-מתנה —
אָקסישן נאָקן צו שלעפּן אַ גורל אַ שווערן,
הענט ווי אויכנשטאָמען,
און אַ פיינגעפיל פאַר יאָמבן און גראָמען.
אין אַכטן יאָר - עלטער
בין איך געווען שוין אויסגעבונדן
מיט הונגער און נשמה-וואונדן.
אַזוי ווי מ׳קאָן ניט אָן היימלאַנד פאַרגעסן,
געדענק איך די נויט צו שפּאָרן פון עסן:
ברויט מיט „קאַפּטשאָנקע" פאַרטרינקען מיט וואַסער,
קליין ווי איך בין — שוין אַ סקאָרפּיאָן, אַ האַסער.
טרער פון מיין מאַמען, אַ יאָרעלעך קלאָרע,
קרעכץ פון מיין זיידן באַ דער געלער גמרא,
קינדער קראַנקע מיט וואונדן און בלאָטער,
און אין מיר פון אַ הונט די געטרייקייט, צאַרטקייט פון קאַטער;
אַ שיקסל אַ בלאַנדס מיט אויגן ווי אַגרעס,
וואָס איך טרוי ניט דער מאַמען פאַרטרוי איך דער בוגרת,
און אַ בוידעם געדענק איך וואו טויבן וואָרקען,
דאָרט ליגט נאָך מיין גנבה — אַ ביכל פון גאָרקין
אויף די ראַנדן פאַרשריבן מיט בוכשטאַבן קליינע:
כ׳וועל אויך אַמאָל שרייבן לידער אַזוינע. —
נאָר מיר איז באַשערט ווי דעם קעניג מאַקבעט:
אַ פינצטערער קרווינזאַל באַם ברעג פון אַ תהום
און האָט ניט זיין טראָן וואו אַהינצוטאָן . . .
מיין ביטערקייט מאָנט, מיין מיזערע רעדט;
אַדאָ שטיי איך איצט מיט טויזנט אין רייען,
אין רינשטאָק — וואו אַלע שפּייען —
פון דאָנע מיין ליד און ווייטוט.

פון א הערמיטס טאגבוך

ניט ווי יענע ווייך־הענטלער מיט קאַרמאַזין נעגל,
וואָס עסן (אוים איידלקייט) טאָרט מיט אַ גאָפּל.
איך בין אַ בעל מלאכה מיט דלאָטן און זעגן,
און קוים וואָס מיר קלעקט אויף ברויט און קאַרטאָפל.

איך טראָג ניט קיין „האַנטשו" און בלום אין די לאַצן,
און שיך לאַקירטע, ווי אַ לומפּ אַן אַדעסער;
איך פיר אַ לעבן ווי עס פּאַסט אַ בעל־פּראַצע,
נאָר מיר ווערט פון דעם אַ האָר ניט בעסער.

איך אַרבעט פון אַלכע אוים שאַפעס און בעטן,
און שלעסער פאַריכט איך מיט שרויפן און קאַרבע;
נאָר מיינע פּרנסות — ווי יענער בעטלער,
וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט אַ לאָך אין טאָרבע . . .

נאָר ניט דאָס — עפּעס אַנדערש מיך מאַטערט:
פאַרוואָס איז באַשערט מיר אַ האַרץ פון אַ שוטה?
פאַרוואָס זאָל מיך אַרן אַ בלעטל אין פלאַטער . . .
און אפילו די שטומע לבנה מיר ווײ טאָן?

אַ ציטער גייט דורך מיין לייב ווען איך הער נאָר:
אַ הונט וויינט אין הונגער, אַ קעצל — אין פראָסט.
כ׳וואָלט ליבער אין מדבר גענערט זיך מיט דערנער
ווי זען אויף הפקר אַ לעבן פאַרוואָרלאָזט.

נאָר וואָס קומט אַרויס פון מיין טראַכטן און ווינטשן,
און וואָך ליגן נעכט אויף מיין האַרט געלעגער:
נאָך גוט וואָס מ׳קאָן כאָטש פאַר טרוימען ניט לינטשן,
אַזוי ווי מיין פינצטערן שכן, דעם נעגער.

אַז בלויז פאַר אַ שמייכל צו איינער אַ קליפּה,
אַ ווייסע, אַ ווייכע, מיט קאַרמענע נעגל,
האָט מען אים פאַרשמיסן מיט גומענע קניפּן
און אַ גוסס געבראַכט אויף אַ קינדער־וועגל

אַהיים, צום ווייב, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען:
וואָס דאַרף זי אַזויפיל פלייש „שוין געמאַכטע״?
און האָט זיך געחכמעט, געחכמעט — ביז וואַנען
איר קאָפּ האָט גענומען זיך דרייען ווי אַכטן.

צו מיין זים לעבן — פעלט מיר באַנאַכט נאָך
הערן ווי עס וויינט די יונגע אלמנה,
די תפילות און יאָמער פאַרשטיקט אין אַ האַנטוך —
באַם „רויכערל״ פון דער יעזוס־איקאָנע.

באַטאָג קומען אָן נאָך די האָזענע טרייסטער
מיט לעקעך פאַר איר יינגל דעם קאַרליק,
צעקלינגט זי זיך ווידער אַזוי ווי אַ קלייסטער
און פאַלט אופן טויטן און רופט אים „דאַרלינג״.

אַמאָל פאַלט מיר איין, אַז איך בין דאָס יעזוס.
איר קול אין מיין האַרץ — איז אַזוי ווי מיט צוועגלעך,
עס שטראָמט איבער מיר פון אַלדאָס בייזעס,
און פונקט ווי ער, אַ פאַרגולמטער, הענג איך.

כ׳וועל אויפשטיין אַמאָל אין אַ מאָרגן אַ שיינעם:
אַ קוש טאָן די זון דורך די וואָלקנפאַלדן
און אַרויפגיין אַ פּרוואוו טאָן די שטריק אויפן בוידעם,
וואו די רו מיינע ליגט ווי אין אוצר באַהאַלטן.

צום פינקלער פון הימלשן עלנט

מיר ווילט זיך אַ פּלי טאָן צום שטערן פון צפון,
וואָס שפּילט זיך מיט דימענט און לאָזט מיך ניט וואַך זיין, ניט שלאָפן.
איז שמחה און שלוה אין טורעם בא אים דאָרט?
געדענק איך אַ סטראָפע געפּליסטערט צו אים האָט
דער פּרינץ פון טיטאַנען:
Would I were stedfast as Thou art — *)
אַ טעות, מיין ליבער, איך זע עס פון דאַנען.
אויך ער איז געפאַנגען, אויך אים האָט פאַרנאַרט
דער פּאַטום — אויף קיינמאָל ניט אויפהערן שטראַלן.
מיר דאַכט ער וויל פאַלן.
מיר דאַכט ער איז מיד פון דער טאָפּעלער ראָליע:
בלענדן מיט ליכט און שפּרייטן נאַכט־מעלאַנכאָליע.
אָט זאָל נאָר אַריבער די כמאַרע פון עמבער
און איך וועל אַ שפּרונג טאָן — אַ לעמפּערט, אַ לעמפּערט!
צום „מידאַס" — דער שטערן פון צפון.
מיט אָפענעם צאָרן אַ פרעג טאָן:
ביסט עלנט און איינזאַם ווי איך אין דעם העק דאָ,
וואָס קרימסטו מיך איבער און לאָזט מיך ניט וואַך זיין, ניט שלאָפן?

---

*) דזשאָן קיטס

מעטאפארן צו א תפילה

פּרואוו מיך אוים! ענדער מיין געשטאַלט!
פֿאַרקרים מיך ווי אַ דינעם שטראַל אין טייך.
איך וויל ניט זיין אַ שטאָלצער דעמב אין וואַלד
און גלאָצן הויך מיט אַלע דעמבעס גלייך.

דערהויב מיך ווי אַ פֿעדער צום זעניט!
פֿיל מיך אָן ווי אַ טריפֿנדיקן שוואָם;
פֿון לייט, וואָס זעען און דערזעען ניט —
באַהאַלט מיך אין אַ תהום.

פֿאַרפּלאָנטער מיינע וועגן אין זיג־זאַג!
מאַך שווערער נאָך מיין מאַטערן זיך דאָ,
ווי קאַפֿקאַ אין זיין טורעם־טרוים אין פּראַג,
ווי ישׂראל שטערן אין זיין צאַנקונג־שעה.

מעק אוים מיין נאָמען, גאָט, וואַש אָפּ,
ווי גראָבער רעגן — פֿלעקן אויף אַ שטיין,
איידער מ׳זאָל זאָגן, אַז איך האָב
גענערט מיט פֿלאַכזין דעם המון.

אַ שאַד

וועסט קומען ווען איך וועל ניט זיין דאָ.
ניט מיין אַז איך האָב דיך פאַרשפּעטיקט.
איך האָב אין מיין האַרץ דיך געאַנט שוין,
נאָר מיט דיין ליכטיקייט זיך ניט געזעטיקט.
אַדאָ, אין מיין עמק הבכה
האָב איך דורך אַ וויטמאַן, אַ לינקאָלן
אויפגעכאַפּט דיינעם אַ פינקל,
ווי אַ שטערן אין שוואַרצע מרחקים,
און מקבל געווען דיך מיט ברכה.

אַ שאָד, ניט באַשערט מיר דיין שיין טאָן
אויף מיר אין מיין פינצטערן ווינקל,
ווען דו וועסט קומען און איך וועל ניט זיין דאָ.

פלעקן אויף אותיות

וועסט קומען אמאָל ממרחקים
באַזוכן מיין „פּאַלאַץ״, מיין סביבה,
איך לאָז דיר אַ סימן:
שילדן אויפן סמעטניק,
היט זיך: קרענק איז דאָ טעטיק.
בראָנזענע שכנים פאַרבליקט ווי די שנאה,
פּעכיקער ניגון אין בלויער אָוונט־שעה:
„לעט מאַי פּיפל גאָ״,

און יאוש ווי אבלים אין שבעה.
וועסט דערקענען, איך ווייס עס.
וועסט פרעגן: וואָס איז געבליבן?
וועט מען ווייזן דיר פלעקן אויף אותיות,
ניט געקענט זיך דערלויבן . . .
און אין טעקסט ניט פאַרשריבן.
(וועסט דערפאַר מיך נאָך לויבן)
וועסט קוקן פאַרשטאַרט אין דער לופטן
און שפּירן, ווי סם אויפן גומען,
דעם זין פון די פלעקן און שטריכן.

וועסט קומען, איך ווייס, דו וועסט קומען.
ווען איך וועל מיט ביטערע דופטן
דורך קאַלטענע קרייטעכער קריכן.
פינצטערן קעגן די שטערן
און בריען, ווי לידער דורך טרערן.

אַ וואונטש

איך זע שוין דעם פּאַנאַנדערפאַל,
ער האָט מיך ניט אויסגעמיידט,
בלויז דעם שולדיקן פאַרפעלט.
וואו איז דער כּף-הקל?
גאָט, וואו ענדיקט זיך דיין וועלט?
איך וואָלט אַהין אַוועק אויף הירשנפּים,
מיטנעמען פיל עס קאָן אַ האַנט
אין אייל, רעשטלעך ביטער-זים —
ווי אַ סואוועניר פון אַ פאַרשוועכטן דעקאַלאָג;
דעם אַלטן תהלים; אַ דאָסטאָיעווסקי באַנד;
וואָן גאַגס פאַרבלוטיקט ליכט פון טאָג;
די שלוכצנדיקע פליִיט פון דעבוסי
און משה לייבס אַ ליד — מוסטער פּאָעזיע
וואָס פוילט ביז גרונט אין דרוק-פּאַפּיר,
און מיט אַ וואָרף דעם שליסל פון מיין טיר,
ווי מ'וואַרפט אַ לופט-קוש צו אַ פרוי,
וואָלט איך אַוועק פויגל-פלינק און רייך,
און זאָל איך שוין אַזוי און אַזוי
אויב איך וואָלט געבענקט נאָך אייך.

וידוי

טאפל יאך

שווער זיינען געוואָרן מיינע הענט,
שטיין-גראָ און האַרט,
לאָם און האַמער האָבן איינגעבויגן מיין נאַקן,
זונפלאַם האָט שוואַרץ געמאַכט מיין לייב,
שוויים-זאַלץ ברענט אויף מיינע אויגן —
און די פראַצע יאָגט,
און דער שונא שינדט,
און די דיכטונג מאָנט:
נאָך בלוט און טינט.

אלטער עסעלין

װ י ד ו י

1

איך האָב געלעבט לאַנגע יאָרן,
געצאָלט ביז פֿול פֿאַר יעדע שעה:
פֿאַר גראָבע שקאָרינקעס פֿון קאָרן
און — ניט אַ לעק אַמבראָזיאַ.

געזען זיך אין בונטע פֿאַרבן,
װי אונטער פֿען פֿון אַ פֿעטראַרק;
פֿאַר פֿרייד געטרונקען שאַרפֿס אַ ירדן,
פֿאַר נויט געגעכטיקט אין אַ פֿאַרק.

געקליבן אותיות, געקליבן גראַמען,
װי דימענטן אונטער דינאַמיט —
סאַראַ שפּאַר געטאָן עס האָבן סמען,
און דאָס איז דאָך געװען מיין ליד.

אין קראַנקע טעג און בייזע נעכט
האָב איך דורך טרער צו גאָט גערעדט.
צי װערן ניט דורך טרערן עכט
די רייד פֿון אַ פּאָעט?

מיין ליד איז עכט, דאָס וויים איך קלאָר,
נאָר פליען איז איר ניט באַשערט:
אַ קורצע בריק נאָר פון איין דור,
דערנאָך איז תהום און גאָרניט מער.

דער תהום איז אָפן, דער תהום איז טיף,
עס זינקט מיין ליד מיט מיר צוגלייך;
איך נעם מיין שיינעם יחום-בריוו
און וואַרף עס ווי אַ שטיין אין טייך.

2

וואָלט איך געלעבט אין צייט פון דוד
ווען טעמפּל-ערע האָט געבליט,
וואָלט איך געהאָפט אויף רום און כבוד
און גרויסע כאָרן פאַר מיין ליד.

איך וואָלט דעם הימל איבערטרוימען,
קושן גראָז, האַלדזן בוים.
מער פאַרטרויט ווי רות און נעמין
וואָלט איך געווען מיין לאַנד און היים.

אלטער עסעלין

די שפּעטקייט הילכט ווי מעגאַפאָנען,
פאַרשטאָפּ דעם אויער — העלפט עס דען?
באַ וועמען בעטן? באַ וועמען מאָנען?
וואָס איז נאָך דאָ צו ראַטעווען?

אויף לאַנג פאַרבלייבט מיט אונדז דאָס ביטערס,
דער אינגסטער אָנהויבער איז אויך שיין מיד.
ווער זינגט דיך איצטער,
ליבסטע מיינע — אידישע ליד?

אַ טרייסטער זיין כאָטש אַרום קלאַגער,
אפילו דאָס איז ניט באַשערט מיר;
אין מדבר אומקומען ווי הגר,
אויף שטיינער פאַלן מיינע ווערטער.

דער שונא איילט מיט לעמפּערט שפּרונגען.
ער איז שוין דאָ, זיין אָטעם בריט.
איך האָב מיין וידוי-ליד שוין אָפּגעזונגען
און איר, חברים, פאַרשפּעטיקט ניט.

3

איר, נאָך אונדז, און קומען וועט איר,
ניט קומט ווי דער וואָס פון נצרת.
מאָנט אויף דעם חוב, זייט גוטע בעטער
פאַר אונדז אויף פרעמדע „סעמעטערים".

אין יעדן לאַנד, ים, יבשה,
וועט איר געפינען אונדזער סימן:
שריפט אין בלוט, דער לעצטער לשון,
ליד פון שטומען סופער־דמיון.

נעמט וועלכע בוך איר ווילט און בלעטערט,
וועט אַ שפּרינג טאָן אונדזער עפּעס,
און פאַר אייך, אין ווייטן שפּעטער,
וועט זיין געניג, כאָטש נעם און שעפּ עס.

דערמאָנט אונדז אין אַ הייסער שורה,
ווי מיר די אבות אין דעם סידור.
און פון אונדזער זעלנשטורעם
זאָלט איר שרייבן שיינע לידער.

אויף די ראַנדן פון תנ״ך

נאַכט, איך און מיין שאָטן.
ביים האַנט אַ פּען און טינט.
אַ גריל זומט ווי אויף נאָטן.
אין דרויסן אַלולט ווינט.

אויפן טיש דאָס הייליקע בוך,
אַלט און זאַט שוין מיט יאָרן;
איך לייען, לערן און זוך
נעמען פון די אַוטאָרן.

ווער האָט געשריבן האזינו?
און נחמו נחמו — ווער האָט?
אַ זעאונג גייט אויף אין מיין זינען,
דיכטונג גענענט צו גאָט.

בלוט אין יעטוועדן אות,
צער — תהומיקע טיפן,
ווערטער פּשוט ווי גראָז
רוישן ווי וועלדער אין סיון.

גערזאַנגען פון דוד און שלמהן,
די וועלט צעגיסט זיך אין לידער,
ווער עס וועט בענקען און טרוימען
וועט זינגען זיי ווידער.

ווינט ווײנט ווי אויף פידלען,
מיין שאַטן ווערט גרעסער און העכער;
עס גייען מיט בערד און קיטלען
אַ רייע לא אמות כי אחיה׳ער.

נביאים, נזירים, המונים,
ווי פון אונטערן פענזל פון מאָלער.
עס שלאָגט פון מיין יחוס דעם שיינעם
דופט אָריענטאַלער.

איך שפיר דעם עראָטישן אָטעם
פון שמשון, דעם האַריקן גבור;
אפילו דלילה וואָס האָט אים
פאַראַטן, ווערט אויך מיר ליבער.

ראָמאַנס פון עקזאָטישער רות׳ן,
ביזאַרער יום טוב אין מיטוואָך;
הויכמוט, שלאַכטפעלד-גרוסן;
פאַר׳נדר׳טע טאָכטער פון יפתח.

גלאָריע — אויך חורבן און פּלוך,
ווי נעכטן, היינט און ווי מאָרגן,
וואַרהאַפטיקע ווערטער פון בוך
וויברירן ווי אָרגלען.

דעם שונא׳ס האַנט איז ווי אייזן,
דער נביא — ערשט שטאַמלער, שטומער,
נאָר אַז בלוט אויף דער ערד נעמט זיך ווייזן,
ברעכט אוים אין זיין גאָרגל דער דונער.

דער דונער איז שטאַרקער פון טראָנען,
ווי יושר איז שטאַרקער פון שווערד.
טויט שוין דער נביא — זיין מאָנען
שרייט אַלץ פון דער האַרץ פון דער ערד.

און וויפיל דו לייענסט פון דאָרט
קאָנסט אַלץ ניט דערשעפּן:
פאַרשכורט פון שיינקייט פון וואָרט
נעמען די אויגן דיר קלעפּן.

דיין האַנט בלייבט אויפן בלאַט,
דיין קאָפּ פאַלט מיד אויפן קישן.
ביזט רוהיק און קלוג ווי סאָקראַט
און אַלט ווי אדם הראשון.

דיר איז באַשערט

דיר איז באַשערט צו זײַן וואָס קיינער קען ניט ווערן:
חכם, גענאַרטער, קעניג פון ערשטער וועלט-מדינה.
דורך דיר גייט אויף דער רוף צום לאָם און צו האַינע,
זייט גרייט: די וועלט קען באַלד זיך איבערקערן.

מיט אַרגוס-אויגן איבער אַלע לענדער, איבער אַלע ימען.
זען אַלץ, הערן אַלץ, דאָס ניט געאַנטסטע — אַנען,
קיין אויסוועג איז ניטאָ — אַזיל און' ווידער שפאַנען
דורך בלוט, ווי האַניק קלעפּן די אינפערנאָ-פלאַמען.

האָסט פאַר אַלץ געצאָלט הויכפּרייז און כפלים,
אפילו פאַרן שטעכנדראָט אַרום געטאָ.
אַט איז די לאַנדקאַרט דיינע: יאַלטאַ, פּראַג, טאָלעדאָ,
סאַראַ לאַנגער רויטער שטרייף פון וואַרשע ביז מצרים.

און יעדעס מאָל אַ נייער פּיגמי האַסטיקט מיט „דערפאַלגן”,
זיין דרייסטער פאַקל צייכנט: נייע וועלט-אידייע!
דיין אַלטער פּנים קראַמפּט, דיין ווייסע באָרד און פּאה
זע איך אינם נעפּל ווי ירמיהו אין וואָלקן.

גליקלעכער, ניט גליקלעכער, אין אַלע פאָלקס-אַנאַלן
איז ניטאָ אַזאַ טערמין, וואָס זאָל באַרעכטיקן דיין קיום,
און נאָך יעדן שטורעם הייבסטו אָן ערשט בליען,
שטאָלצער, שטאַרקער נאָך יעדן שווערן פאַלן.

וואָס האָסטו ניט געהאַט? וואו ביזטו ניט געווען שוין?
הבל הבלים און זע סאַראַ אַזאַרט, ווי שעפּעריש דיין כח,
נאָך יעדן חורבן קומסטו מיט דעם אַלטן למנצח,
מיטן משל פון דער חיה אויף דער גוטסקייט פון דעם מענטשן.

פון א בריוו צום אינגל

1

צו זיין אַליין איז ניט קיין חסד
פון דעם וואָס טיילט די גאָב פון לייד,
ס'איז קאַליע וויין וואָס ברייט ווי עסיק,
פאַררעד עס ניט מיט זיסע רייד.

איך וואַרף צוריק די פרומע פראַזע:
„אַליין, אַליין איז ריין די זעל."״
ביזט ניט קיין צאַרטע בלום אין וואַזע,
יונג, דיין קאַרק דאַרף האַרטע פעל.

פאַר יאָך, טאַט און לעבנס־עובדא,
קיין סאָבסטיטוט ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ.
ביז דער וואָרים וועט אַ רוף טאָן
לעב כאָטש פול די חיי שעה.

עפן ברייט די טיר פאַר יעדן,
טראַקטיר זיי מיט דיין ביר און ברויט;
היט זיך נאָר פאַר „דאַרמאָיעדן״
און — פאַר דעם לומפּ זיי אייכעט גרייט.

דעם טכויר אין מענטשן קאָן איך אויך.
פאַר אים אַביסל סם פאַרקאָך
מיט מעירלאַך און טויבנייויך,
באַ'טעם עס, ער זאָל בעטן נאָך.

ניט פֿאַל אַראָפּ פֿאַר דעם „אַלץ-קענער",
דעם סוף פֿון אים ווייסט יעדער נאַר;
ביסט דאָ ווי איך, ווי דער און יענער:
בלעטלעך אויף אַ קאַלענדאַר.

רעד וואָס ווייניקער פֿון טויטע,
ביכער ניט מיט קאַנט און קיטס;
די שיינע ווייזהייט ליגט אַ גרייטע
אין תמימות פֿון אַ קינדערוויץ.

מאַך נוץ פֿון זייף און קלייד זיך ציכטיק,
וואו דו קומסט העל אויף מיט ליכט;
און דאָרטן, וואו דו ביזט ניט וויכטיק —
היט טאַקט און גלייכגעוויכט . . .

צווישן פֿרויען זיי אַ צערטלער,
נאָר מיט טויזנט אויגן וואַך,
דו זאָלסט ניט ענדיקן ווי „ווערטער"
מיט אַ קויל און בלומענשפּראַך.

צום די תאוה, ברעך געבאָטן.
דיין לעבן זאָל ניט גיין אומזיסט,
ווי אַ דינער וואָלקנשאָטן
אויף אַ בערגל מויזנמיסט.

אלטער עסעלין

וואס וועסטו טאן מיט דער ירושה?

ייִנגל ליבער,
וואָס וועט זיין אַז די צייט וועט אַריבער:
איך וועל געהערן צום גראָז פון די אבות
און דו — צום וויפלטן גלגול — אַ „האָמאָ נאָוואוס",
איך וועל ניט צערטלען דיך מער און ניט קושן,
וואָס וועסטו טאָן מיט דער שווערער ירושה
וואָס איך לאָז דיר דאָ איבער אין אָפענע שאַפעס:
תכלית פון וואָך, פערל פון יום טוב און שבת;
דורות האָבן אַ תוך דאָרט באַהאַלטן.
וואָס וועסטו טאָן מיט די אַלטע, ברוינע פאָליאַנטן:
חובת-הלבבות, חיי־אדם, קב־ישר, עין־יעקב,
און דיניקע ביכעלעך לידער — געשאַנקען
פון יידישע פרינצן, מאָנאַרכן —
עס זאָגט מיר דאָס האַרץ אַז דו וועסט זיי ניט דאַרפן,
כאָטש זוכן זיי וועסטו, אין דעם בין איך זיכער,
דורך אַנדערע וועגן און אַנדערע ביכער.

ס'וועט קומען דער „דזשאָנקער", אַ ייד אין קאָלטנס,
וואָס זעט אויס (נאָך אַ באָד) ווי דער מלך אין קאָרטן,
און אַ פלייץ טאָן אין גאָס מיט אַ ניגון פון היימוויי:
„עני רעגס, עני באָטלס טודעי?"
רוף אים אַריין און טו אים אַ פרעג
צי האָט ער גענוג שפיגאַט פאַר געפעק?
און צי איז ער חלילה ניט קיין געבריכטער

צו שלעפּן אַ שווערע קולטור־געשיכטע? . . .
און ווייז אים די אַלמערם — סחורה, פּאַפּיר,
און פאַרגעס ניט אין קעלער דעם סואווענירן:
דעם זיידנס טלית און תפילין,
(מיט דעם וועט אפילו די קאַץ זיך ניט שפּילן).
אַ לעצטן גלעט די טאָוולען און צויטן
ווי דו וואָלסט געגלעט מיינע אויגן טויטע,
און העלף אים טראָגן די ספרים צום וואָגן,
און אַז דו וועסט וועלן מעגסטו אים זאָגן
אָן רייד — ווי אינגבער דורך ריחות
אַז דו שטאַמסט פון יחוס:
דיין זיידע איז געווען אַ מחבר, אַ נסתר,
דיין טאַטע — אַ שעלי, אַ בייראָן אַ וויסטער,
און אַלץ וואָס געבליבן איז דאָס וואָס ער האָט
אין וואָגן, וואָס גייט דורך פייער צו גאָט.

די קלוגע שווייגער

ווי ליב איך האָב די קלוגע שווייגער
וואָס צאַמען זייער שאַרפזין און ריידן אויפן וואונק
און רייצן אויף דיין אויער אַזאַ נייגער
ווי האָניק-טראָפּנס אויפן זולל׳ס צונג.

דין ווי רויך און פאַרביק ווי אַגאַט
קען זיין דאָס וואָרט — ווי שטאַרקער מעד,
וואָס שלאָגט פאַראויס דעם אַראָמאַט.
איך ווייס נאָך אויך ווען שווייגן רעדט.

און ווען העסלעך ווערט דאָס שענסטע וואָרט,
און קלאַפּט ווי אַ האַמער — בלעך.
מיין זיידע פלעגט, מיט טראַכטנדיק פינגער אויפן באָרד,
אויסשעפן דעם איידעלסטן געשפּרעך.

ווען ניט ווען אַ בליץ טאָן מיט אַ זאָג,
שאַרף, קורץ און אומגעריכט.
מאָלעריש איז ער געווען, וואָן גאָג,
נאָר מיט אַ שמייכלעניק געזיכט.

זעלנעלנט

זעלנעלנט

מ׳האָט מיך געלאַדן און איך בין געקומען,
אַ פרעמדער, אַ ווייטער, פון טויזנטער מיילן.
באַפּאַנצערט מיט עלנט,
ווי אַ ביזאָן באַשטאָכן מיט פיילן.
אַזויפיל ליכט פליצט פאַר די אויגן.
פּאָמפּ אין שייד פון העפלעכקייט;
אויף וואָס דו זיצסט איז פּוך,
אויף וואָס דו קוקסט — רעגנבויגן.
נאָר איך בין דאָ דער רייפסטער ווידערשפּרוך:
אַ יאָלד אַ שטומער.

שפּעטער, ווען זשעסטן ווערן ווייבער,
ליסע קעפּ ווי פּלעקן אויף קעז
ציען זיך צו דעקאָלטע אין ראָז.
וויים לייב שמעקט ווי בעז —
לעבן אויף ווי גלי־ווערים אין שאָטן
סעקס אַנעקדאָטן. —
דינער שמייכל אויף קאַרמענע ליפּן.
טענאָרן לאַכן ווי טעאַטער־טיפּן.
אויפן רויטן מאַהאָגאָני טיש
נעמען קנאַקן קאָרטן —
בין איך דער ערשטער אויף הירשנפּים
און לויף מיט מיין קאַלטן —
מיין זעלנעלנט.

איך בין ווידער צוריק
מיט מיין עמיליען און וואַלטן
און מיט מיין גוטן ליבן פּרוסט.
סאַראַ נאַר איך בין.
כ׳האָב דאָך פריער געוואוסט
אַז איך בין איבעריק דאָרטן.

נאַכט דו ווייסע, נעם מיך, נעם מיך,
מיש מיך אוים מיט דיין זויבערן חלום.
זיי זאָגן איך בין עלנט און אָרים:
פּכע, אַזויפיל זילבער אין דער לבנה,
אַזויפיל דימענט אין די שטערן.
ניט וואָר, האַרץ מיינס?
— ניט וואָר. ניט גוט.
עס קומען ווידער טרערן.

אַ מאָדנע זאַך . . .

אַ מאָדנע זאַך איך קען ניט פאַרשטיין עס,
כ׳זאָל אפילו פאַרמאָגן דעם ווילנערס גאונות.
קען עס אַ גאָט וואָס איז פול מיט אידיליע
און האָט מיטלייד אויף ווערים אפילו,
נעמען אַ דיכטער פון פיינעם קאַליבער,
וואָס שלינגט ווי בראָנפען מיזערע לידער,
ווייל ער פילט ווי מ׳וואָלט אים יעדן טאָג לינטשן,
און זעט זיך אין שפיגל ווי שמשון ווען בלינד שוין;
ווי אַ שפענדל אין ווינט פאַרוואָרפן אין אַ העק אים:
אַדאָ וועסטו שרייבן וואָס כראָנאָס וועט מעקן . . .
אַדאָ וועסטו שפירן, פילן און אַנען,
אַז דאָס וואָס ווילסטו איז גאָר ניט פאַראַנען.
דערצו נאָך לאַנגע יאָרן געגעבן
און וויל ער זאָל קלינגען מיט פרייד פון לעבן.

ווערטער

פון ערשטן ביז לעצטן — אַ ווייטער מהלך.
ווער קען מעסטן דעם שטח? ווער ציילן די יאָרן?
צדיק און רשע, טייוול און מלאך —
אַלע געוועזן שוין און — אַוועקגעפאָרן
מיט אייזערנעם זיכער, מיט גאָלדענעם „טאָמער"
אַהין, וואו באַך, דאַ ווינטשי און האָמער.
פון יעדן געבליבן אי קלאָרקייט אי רמז,
און מער נאָך פאַרגעסענער קרבן צום אמת.
וואָס נאָך ניט אַנטדעקט? נאָך ניט דערפונדן?
אורשפרונג פון מענטש, מאַלפּע און ווערים,
פרייד פון פלייש, וואונדער פון ספערם,
עקסטאַז פון נשמה און הייליקע וואונדן —

אַלץ באַטיטלט, פאַרצייכנט, באַוואָרנט
מיט ליניען, קובן, צירקלען און ציפער,
מיט היפּערזין און אפשר נאָך טיפער
פון די גאונים פון אַטען, אַוואָן און ווײַמאַר.
ווער האָט ניט געצערטלט זייערס אַ מאמר:
„אַלע מענטשן זיינען ברידער."
ווער האָט ניט געדרשנט ביז טויטונג פון תוכן —
„ואהבת לרעך כמוך"?
טויט זיינען ווערטער.
גיי זאָג צו אַ פרוי אַ פאַרערטער:
איך האָב דיך ליב, —
סיידן דורך פידל, פלייט און טרערן,
אַניט איז ניטאָ וואָס צו הערן.

סאַראַ צער אויף דעם ווערטער-בריה
וואָס טרענצלט זיין פּיצעלע לעבנם געשאַנק
אויף וואָס איז וויכטיקער: „גייסט צי מאַטעריע"?
און לאָזט נאָך זיך ווערטער טויטע,
פויגלפלעקן אויף אַ האַרבסטיקער באַנק.

אַז דו זאָלסט אַרויף אויף די הימאַלאַייען
מיט פּויק און ראַקעטן,
מיט טעקסט פון ישעיהן,
מיט תהלים-געבעטן:
ברידער מיינע געטרייע!
איך וויל אייך באַפרייען. —
סיידן דורך וואונדן, בלוט און טרערן,
אַניט איז ניטאָ וואָס צו הערן. —
טויט זיינען ווערטער.

מיין לעבן פאר א ליד

לידער זיינען פידלען אין אַ וואַלד,
דער שפילער — אייביקער הערמיט.
סאַראַ רירנדיקע שיינקייט פון זיי קוואַלט,
מיין גאַנצן לעבן גיב איך פאַר אַ ליד.

דאָס ליד אָבער זאָל ווערן איך אַליין,
מיין חתימה און מיין שטימע דורך דער שריפט
זאָל שמ'ען ווי כּאַיאַם, קלינגען ווי ווערלעין
און ווי אָוונט-טרויער — הייסער האָניק טריפט.

כ'וואָלט איינגעטונקט אין בליצנשטאָף די פען
און צינדן מיט לידער-ליכט די וועלט.
נאָר מיר איז נאָך ביז איצטער ניט געווען
באַשערט צו ווערן אַזאַ העלד.

איך בין פארליבט אין לידער

איך בין פארליבט אין דיכטער און אין לידער,
ווי גאָט, אייביק איז דאָס וואָרט פון דעם פּאָעט.
אָפט לעב איך אזא שיינקייט איבער
ווי קיטס באַם פאַרענדיקטן סאָנעט.

איך קאָן דערקענען וואו די פלינקע, דינע
פעדער פון דעם דיכטער קריצט;
דעם מינדסטן אָפּנויג פון גלייכער ליניע,
און וואו דער שאַרפער מעסער שניצט:

בלוט פון ווערטער אויף די פינגער פלייצן,
און אויסגעשמידטער אמת אין דעם פערזן־בוי
רעדט, רייצט און וועט אייביק רייצן,
ווי רייפע רונדע אברים באַ אַ פרוי.

נאָר דאָרט וואו לידער נעמען פעכיק ציען
דעם ליגן, וואָס טרינקט זיך אין דעם טינט, —
אַזוינע לאָז איך פון מיין פענצטער פליען,
ווי אין האַרבסט די בלעטער אויפן ווינט.

כ'וועל זינגען אַלטמאַדיש

כ'וועל זינגען אַלטמאָדיש, זינגען פּראָסט,
אין אַלטע געטאָ-ווערטער,
און שלעפּן מיין גורל שווער ווי אַן אָקס:
אַזוי און אַזוי איז באַשערט מיר.

מעג מען זאָגן אויף מיר: זע ווי ער קריכט,
ער זינגט פאַר שלעפּער און מאַרקלייט,—
נאָר איבער מיר, מיין גלויבן — מיין ליכט,
ווי דימענטפינקל דורך האַרטקייט.

פאַר ליב נעם איך אָן די האַרבע שטראָף:
מבינות און מוסר צו הערן;
נאָר איך זאָל, אַזוי ווי אַ זויגלינג אין שלאָף,
יעירן, וואַקסן, ווערן.

פול זאָל נאָר זיין מיין אַלטמאָדישע ליד,
ווי פון ברונען אַ טריפנדער עמער;
ניט אָרן זאָל מיך וואָס עס זינגען מיך ניט
די נייע וועלט-באַנעמער.

אויך זיי זייען שטויב; אַלט ווי מאָך
איז דער געשליפנסטער רמז.
גאָט, איך וויל מיין ליד זאָל אין תוך
גרונטן מיט אמת.

וואס דארפט איר אים האבן?

כבעט אייך, פאַרשעמט ניט מיין שכן, טוביהן,
און לאַדט אים ניט איין צו אייער באַנקעט.
ער איז אַן ערלעכער מענטש נאָר אַ טאַקטלאָזער אביון
און איז ערשט אַראָפּ פון קראַנקענבעט.
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?

זיין ראָק איז אַלט, די הויזן גלאַנצן,
און אונטער די נעגל — שוואַרץ ווי זיין באָרד,
ניט ער קען זינגען, ניט ער קען טאַנצן
און ווייסט ניט אפילו קיין צורת קאָרט.
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?

ווי אַ בופלאָקס באַשטאָכן מיט פיילן
שלאָגט פון זיין פנים אַ פיינפולער גרים;
און אונדזערע דאַמען אין זיידנס און ניילאָן
וועלן זיצן פאַרקרימטע און קוקן אויף אים.
דאַרפט איר אים האָבן?

זינט איך קאָן אים — אַ שיין ביסל יאָרן,
ליגט ער באַגראָבן אַזוי ווי אַ קראָט.
חלומט אַ חלום, רייסט זיך פאָרן.
אַז ער ווייכט פון אונדז און האָט פיינט אונדזער שטאָט.
וואָס דאַרפט איר אים האָבן?

ער איז ניט אזא שוטה ווי איינעם קען דאכטן.
א שווייגער, א באלאדענער טיפ.
ער קען אמאל זאגן א שארפס און א לאך טאן —
טוט עם א שניט אין דער זיבעטער ריפ.
וואס דארפט איר אים האבן?

ער איז ניט אזא שלעכטער, אט בעט אים, גיט ער
דעם ביסן פון מויל און רעט זיך ניט אן;
נאר ווי רויך אין די אויגן ווערט ער ביטער
ווען ער דערהערט א חניפה - טאן.
וואס דארפט איר אים האבן?

אז מ'וועט זיך צעלאזן מיט היפערבאלן:
אז איר זענט א צדיק, א פילאנטראפ,
קאוויר איך ניט, ער קען נאך באפאלן
און ווארפן דעם רעדנער א טעלער אין קאפ.
וואס דארפט איר אים האבן?

א שאַרף וואָרט

אַ שאַרף וואָרט האָב איך אַ וואָרף געטאָן אַנומלט,
דאַכט זיך עס האָט קיינער ניט געהערט,
נאָר אַז די צערנער האָבן אויפגעטומלט,
האָב איך געוואוסט דאָס וואָרט האָט אויפגעיערט.

געמיינט האָב איך גאָר איינעם, דאָרטן יענעם
קאָרפּולענטן, וואָס לעבט אויף קהל׳ס קעסט
און גרייט זיך, גרייט זיך אין אַ טאָג אַ שיינעם
ווערן דער „נבחר" אויף אונדזער „עווערעסט".

זע נאָר ווי ער גלאָצט, פּרומלט, פּראַנצים פון אַסיסיש·
האָניק טריפט בײַ אים פון מויל,
און אויף מיר טייטלט ער מיט רשעות:
אַז אויף אַלעמען האָב איך געצילט אַ קויל.

מיין שטילער זאָג — און הערט סאַראַן אַלאַרם
עס טראָגט זיך (גרייכט שוין בײַלד שיקאַגאָ),
זיי גרייט: מיין אייגן האַרץ מיך וואָרנט,
ווען טכויר־בײַוואָפּנט שטייט פאַר דיר אַ יאַגאָ.

ווערסט אויספּאָרן די גאַנצע וועלט

ווערסט אויספּאָרן די גאַנצע וועלט
און אויסהערן די קליגסטע רייד,
ווערסטו ניט וויסן וואָס דיר פעלט
און אין וואָס דאָס גליק באַשטייט.

אַז וואו ביסט איז אַלץ פאַראַן,
עס שפּאַרט ווי ווייַן פון אונטער שפּונט.
נאָר דער תנא זאָגט און דער קאָראַן:
צי ווייסטו פיל דו דאַרפסט אין גרונט?

אַ פלאַקסן העמד פייכט פון שוויים,
און שעם זיך ניט מיט אַ מאַזאָל;
ווייך פון טובות ווי פון בייז,
אפילו פאַר אַ שמייכל צאָל . . .

אַ שטיקל ערד, פלאַך און רוי,
אַ שטאַרק פערד און ריינע שטאָל;
אַ האַרץ פאַר פידל, ביר און פרוי
און אַ רייכן טרערן-קוואַל.

און הער זיך איין אין קאַלטן ליים —
אַ בלינדער וואָרעם באַ דיין פוס
ווייזט דיר אָן דעם קעניג׳ס היים —
(און דיינע אויך) אין זיין רשות.

קאלײדאסקאפּיש

צו א. סוצקעווער

ווער פון אונדז האָט ניט געטרוימט דאָ יאָרן־לאַנג
פון דיין הערלאָאישן דערגרייך. מיך וואונדערט ניט צומאָל
וואָס דו האָסט גיך באַזיגט פּראָווינץ און מעטראָפּאָל,
די פּאַנעגיריק אויך — כאָטש אָן דעם גלאָקן־קלאַנג.

אויך מיך גייסטו בלוטיק אָן, פּאָעט פון העכסטן ראַנג.
אין רגע פון באַרוישונג פון דיין ליד, ווי אונטער אַלקאָהאָל,
האָט אַ ביטערע ניכטערקייט אין מיר געשריען אויפן קול:
צי ביזטו ניט דער שיינער קורצער פלאַקער פון אַ זונפאַרגאַנג?

עס לעשט זיך ליכט נאָך ליכט. עס שאָטנט אונדזער בנין.
פאַר ווע‌מען דער אַלכעמיע פערז, אַראַבעסקן, פיליגרינען
דיינע, שפּעט געקומענער אבן עזרא, נייער, דרייסטער,
אַ, דו גאָענטסטער, געפין אַ זין, באַגייסטער
דעם ניט דערהערטן, דעם צאַנקער אין דעם לעצטן מנין
ווי איך, וואָס שטייט פאַר דיר אין ערפאָרכט, מייסטער.

צו א. לעיעלעס

ניט אַלט און נאָך ניט מיד ביזטו, קלוגער קאָנער פון מאַנהעטן.
ווען פאַרטיק שטייט דיין זעלבסט געמאַכט פערפעקטער מאָנומענט.
דיין נאָמען אויפן טורעם ווי דער דעקאַלאָג אין נביאס הענט
פאַרזאָרגט מיט דויער ווי זעלטענע נעמען פון פאָעטן.
האָסט לאַנג געקליבן, געמישט, געפורעמט דעם צעמענט,
און לענגער נאָך געפוצט אים מיט פיינע וואָרט-בוקעטן,
ווייט אַהינטער דיר די לייט מיט פאַרשפּילטע טרעף געוועטן
פאַרשטומט האָט דיין נייע און הייסע סומע פון טאַלאַנט
די דיאַטריבן, פון די וואָס האָבן זיך געמיט
צו ווייזן דיין „געשולטע קאַלטע קאָנשאַפט” פון דעם ליד;
געווען לויבער אויך — פעדער-גרינגע סודות אויפן אויער
האָבן לייכט פאַרבייגעווינטיקט, נאָר וויפל ביטערס און וויפל טרויער
האָסטו אויסגעטרונקען, איצט צאָל צוריק זיי מיט
אַ ברייטן שמייכל און — שפּאָר ניט קיין מיטלייד און באַדויער.

אלטער עסעלין

איבערוועלטלעכע שטילקייט

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט ·
בוימער שטייען זאַט און אומעטיק,
קוים, קוים אַ בלעטל-רויש.
הויך — אַ שטערן-ציטער.
פייער־פליגן בליצן אין געפּאַלבטן לייוונט.
שטילקייט שטראָמט פון דער לבנה.
שטילקייט אויף דער גאַנצער וועלט.
פון מיין האַרץ רייסט זיך דינע שמחה,
שמחה גייט איבער אין גבורה און לויב
פאַר אַנונג פון זכיה.

ווי גרינג דער פלי צום העכסטן הויך!
דער פאַל אין טיפסטן תהום!

צו מ.

1

דיין טיפער בליק — מיין טרוימען־רייכע לאַסט,
איך טראָג נאָך אַלץ דיין בילד אין מיין זכרון.
עס רעדט און זינגט אין מיר, ווי פּאָו צו לעאָנאָרען,
דיין הייסער בליק — מיין טרוימען־רייכע לאַסט;
אַ קורצע ווייל ביסטו געווען מיין גאַסט,
ווי גיך דו ביסט אַוועק. איך האָב אָנגעוואָרן
דיין טיפן בליק — מיין טרוימען־רייכע לאַסט.
איך טראָג נאָך אַלץ דיין בילד אין מיין זכרון.

2

דעם קורס פון פיין, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען,
ניט דו האָסט פון דער מיזערע געאַנט,
ווי שטרענג האָב איך געצאַמט די זעל־געזאַנגען
אין קורס פון פיין, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען —
האָב איך פאַרטרויט נאָר לייכטע פריידנס־קלאַנגען,
דיין מינדסטן וואונק האָב איך געוואויגן מיט פאַרשטאַנד
אין קורס פון פיין, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען,
ניט דו האָסט פון דער מיזערע געאַנט.

3

עמא

עמאַ באַאַוואַרי האָט געשטעלט אין קאָן
מער פיל ווי מאַריאַ מאַגדאַלענא האָט פאַרמאָגט.
אין אַ שכורער שעה האָט זי אַלץ פאַרשפּילט:
פון גאָלדענעם לייטער צום ליכטיקן הערמיטאַזש
ביז סערוועטקע פון טיש, לינען פון בעט,
און אַז די שולד האָט זיך צוגאָסן ווי אַ פלייצנדיקער טייך
און ס׳געווויסן האָט געפּיקט דריבנע, גיך,
האָט זי זיך געזעצט פאַרן שפּיגל — דעם הויכגעריכט
און רוהיק אויסגעהערט דעם ווערדיקט: צאָל.
און זי האָט געצאָלט דרייסט און קוראַנט
מיט שטיקער זעל, פאַסן לייב,
אַ הונט וואָלט אפילו אַ לעק טאָן ניט געוואָלט.

אין די טונקעלע אַלייען פון אירע ראַנדעוואוס
בין איך איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן — ליכט,
ביזן לעצטן בלאַט האָב איך איר אָטעם געפּילט —
דעם אַראָמאַט פון איר הויכמוטיק האַרץ,
ווי אַן עקאַליפּטוס צעשפּאָלטן פון דונער.
און ווען זי האָט געשלונגען דעם געלן סם
האָב איך געבלייכט און געבראָכן גרינעם גאַל.
מיט ציטערדיקע הענט האָב איך דעם בוך פאַרמאַכט
און ווי אַ קינד געוויינט נאָך איר.

לייענענדיק קאַפקאַן

אַ בומעראַנג דאָס וואָרט, אַ וואָרף אין ווייטע ספערן.
געריכט, צי אומגעריכט — ער קומט צוריק צום וואַרפער —
געשפּאַנט ווי אַ סטרונע אונטער פינגער פון אַ האַרפער
און הער וואָס ער פאַרטרויט, אויב דו ווילסט נאָר הערן.

איך האָב געפלאַקערט ווי אַ ליכט פון ביידע עקן.
אין דעמערונג זיך נאָכגעיאָגט נאָך גנאָמען
און נאָך זאַכן וואָס האָבן ניט קיין נאָמען,
וואָס איך וועל נאָך דערפינדן און אַנטדעקן.

כ׳האָב געטאַנצט מיט קינדער און דעקאָלטירטע צנועות;
דעם גוטן תם, וואָס שמייכלט אַן פאַרוואָסן,
האָב איך טרוימענטרייסט אין האַרץ אַריינגעשאָסן,
און מיט מילבן געפירט אַן עלפאַנדיקן שמועס . . .

געהערט געלעכטער פון קראַנקע אין שפּיטאָלן
ווען ענציקטע רו האָט זיי אַרומגענומען,
און רייד, קוים געאָנטע — ווי שטומע צו אַ שטומען —
געצוימט פון שאַרפזין און אַן היפּערבאָלן.

כ׳בין אויפן צונג געלעגן ביי חשובע פאַרשוינען,
געזען ליכט-שטראָם און שמחה אויף די ברייטע שטחים,
נאָר איך האָב ניט באַגעגנט אַזאַ שטאָלצן חכם
וואָס זאָל אַ גאָט ניט דאַרפן אויף זיך אויסצווויינען.

דימיטרי

דימיטרי קאַראַמאַזאָוו האָט דיך שפּעט דערקענט,
סאַראַ לאַנגגען וועג און סאַראַ מאָדנעם גאַנג:
דורך ספּירט, ווייב און האַרטע תּפיסה־באַנק.
ער האָט זיך דורכגעריסן ווי דורך פייער־ווענט —
דאָס הייליקע בייטעלע מינץ אויפן האַלדז,
דעם האַלב באַרעכטיקטן, פאַרשוועכטן כּבוד־אָב —
ווי ער וואָלט געשלעפּט אַ העלפאַנט אויפן קאַרק,
וויפיל מאָל אַרופ־אַראָפּ און וויפיל מאָל זיגזאַג.
הינטער אים — אַליאָשינקע און פאָטערל זאָסימאַ.
אין אוניסאָן — די קושן פון אַ שלוכצנדיקער פרוי,
נאָר דימיטרי איז געגאַנגען און געקומען **אַ ל י י ן**,
ווער עס וויל קען ציילן זיינע טריט אויף רויטס,
ווי פון אַ באַרוועסן אויף צעשטייסטן גלאָז.
ווי וואויל ער האָט געוואוסט:
צו דיר מוז מען גיין אַליין. —
ווי שלינגען מיט דער קעל,
ווי ליפּלען מיט אַ פרוי —
און ער האָט דיך דערגרייכט מיט אַלע איברים זיינע,
ווער האָט עס געהערט אַזאַ הודו לאדוני?
סאַראַ פרייד אויף אים ווען ער האָט דיך דערזען:
— נאַ, אָט האָסטו אַלץ צוריק,
דיינס — און מיינס אויך, גאַנץ און פייער־ריין.
און ער האָט גערעדט הויך און קלאָר,
און ער האָט גערעדט שטאַרק און אָפן ווו אַ בוימבראָך;
אָ — איך הער נאָך איצט זיין מעכטיקן טענאָר
ווי אַן עכאָ פון דעם סיני־דונער.

דריי גראַציעס

ווען איך פאַרמאָג בעטהאָווענס בעטון
וואָלט איך אויפגעשיילט די פריילעכסטע יללה.
איך וואָלט באַשטעלט אַ דריי-בינע פון עמבער
דראַפּירט מיט ווייכן דורכזיכטיקן לעווענדער,
אין דער מיט — אַ שוואַרצן פּעדעסטאַל,
אויף אים — די ליבסטע גראַציעס מיינע דריי:
די סענסועלע זעל פון עמאַ באָוואַרי,
די יסורים'דיקע טעם פון דוברוויל
און די לב-שמים'דיקע אַנאַ קאַרענינאַ. —
זאָלן זיי זינגען דאָס ליד פון אומשטערבלעכקייט,
הויך-גרוים-טיף געזאַנג צו דיר —
וואָס איז איבער דיר.
דערנאָך, דיין ענטפער צו זיי אַלעמען;
דיין פינגערן צום עניגמאַטישן אַראָפּ,
קיין אַנטרינונג איז ניטאָ, —
(דער נביא פון תרשיש איז אויך ניט וויט געלאָפן,
פאַרן שפּענצער האָסטו אים צוריקגעבראַכט)
פון דאַנען הויבט מען אָן:
טראָט נאָך טראָט.
ביים impass בלייבט מען שטיין, —
אַראָפּ. —
און אַז דער טרויער וועט אַ בים טאָן מיט אַלע ציין,
איז דאָס נאָזטיכל צום מויל —
און שאַ.
איצט, דאָ, אַפּלאַדירט מען ניט.

רעטראָספּעקט

הערבסט. דינע קאַלטע שטערן.
ווי דורך צעבראָכענע אָרגלרערן
גייט אוים די לעצטע סימפאָניע פון זומער.
צום וויפלטן מאָל פאַלן בלעטער
אויף דעם אַשיקן דעמער פון גראָז.
אָ, גאָט, סאַראַ שווינדן פון יאָרן!
נאָר איינמאָל פאַרקריצט אין זכרון
האָט אַ צאַרטע און מעכטיקע האַנט
מינוטן, ערטער און זאַכן —
ווי שפּענער אויף שומיקע שטראָמען.
מיר איז ליב נאָך איצט צו דערמאָנען,
ווי אַ פיינלעכע מעלאָדיע —
אַן איבערגעריסענעם נאָמען
פון אַ דאָרפישער אַנאַבעל לי.
אַ ווייסער בערעזענער שליאַך,
וואו לבנה און גנאָם זיינען וואַך,
אין דער ווייט ווי אַ שוועבנדער שפּור
פון אַן איינזאַמען גוי מיט אַ פור.
נאָר געווען זיינען אויך ראַנדעוואוען
אין קוסטן, וואו לייב וועט ניט רוען.
לייב און לייב און בלוט ווי קאַרעלן —
דערנאָך אַ פּאַטאָס פון שוויגן.
ווי דורך אַ פאַרנעפּלטן פילם
פיר אויגן דורך טרערן —
און אין האַרץ אַ געבעט ווי אין תהלים.

דאָס בילד אויפֿן וואַנט

אויף מיין וואַנט, אין אַ ליכטיקער ראַם,
היינגט אַ בילד פון אַ ן איידעלער פרוי.
איך ווייס ניט איר נאָמען און שטאַם
און ווער ס'האָט געמאָלט זי אַזוי.

דאַכט זיך זי שמייכלט — ניין;
פון אונטער דעם שמייכעלע שטאַרט
שאָפּענישער זעלנגעוויין.
ניטאָ אַזאַ וואָרט גאָר דערפאַר.

איך ווייס ניט וואָס איז דאָס מיט מיר,
וואָס איך קוק אַזוי אָפט אויפן בילד;
עס איז דאָך בלויז פאַרב און פאַפּיר,
און — ווי כ'וואָלט איר אָטעם געפילט.

אַז איך כאַפּ נאָר דעם בליק פון איר אויג
און דעם רייץ פון איר מויל און איר האַלדז,
דאַכט מיר די וואַנט האָט אַ בויג,
און וויגט זיך ווי אין אַ וואַלץ.

אָט וועט זי אַ צוק טאָן אַ ליפּ,
אָט וועט זי אַ ריר טאָן אַ האַנט,
אַ פליסטער פאַרשטיקט ווי אַ כליפּ —
און איך וועל אַריינגיין אין וואַנט.

מיט גוואַלד רייס איבער דעם פלירט
מיט די ברונימער אויגן די צוויי,
אַז איך זאָל ניט ווערן פאַרווירט
ווי יענער פון „לאָרעליי"".

1939

פראכט - געמעל

אַן אָפּענע פענצטער, זון און בעז.
אַ טיש געדעקט מיט אַ ליכטיקער טוך.
אַ שיסעלע שמאַנט מיט מאַלינעס.
פאַר די אויגן אַ באַנד פון קאַבעל.
(אַ תרוץ — ער לייענט אַן אַנדער בוך).
אַ בוגרת פּערפעקטער פון יעדן מאדעל
קלאַווירט שאָפּענס אַן עטיוד
אין ריטם פון מיידל-בלוט —
אַ שפּרונג, אַ מענלעכער קוש,
לאַכנדיק רופט זי אים „ברוט"
און ווישט פון זיין מויל איר רוזש.
איצט פאַסט צום אַנסאַמבל פון טעם
אַ לאָגעלע מוסקאַטעל.
אַז דאָס איז אַ פּראַכט-געמעל
ווייס איך און כאַיאַם.

ליבע פלאַמט ווי פייער

די זון פאַרגייט צום באַנהויף,
מאַריאַנקע גייט פון מעלנער.
אַנטקעגן ווי אַ גנב
רוקט זיך אָן אַ זעלנער.

ווער איז ער? און פון וואַנען?
מיט אַ ביקס און העלם,
ענלעך אויף איר וואַניען —
זיבן יאָר שוין נעלם.

פיר אויגן ווי מיט האָקן
פאַרשטעכן זיך מיט גלוסטונג;
דער מעלזאַק אויף איר רוקן
בעט זיך צו די קוסטן.

ער דרייט אַ בלאָנדע וואָנצע
און לאַכט — האַטש נעם און מאַל אים,
בּיסלעכווייז דערקאָנט זי
שפּורן פון אַ חלום.

זי קוקט אים גלייך אין פּנים
און קרימט איר מויל אין פליסטער,
זי רופט אים אָן באַם נאָמען,
וואַניאַ, יאָ, דאָס איז ער.

°

אַ שיקסע מוז זיך שעמען,
אַ יון בלייבט אַ יון,
זי לאָזט אַראָפּ די ברעמען
ווי די זון אין אָוונט.

ער נעמט זי פֿאַר די צעפּ אָן
און שמעקט פֿון לייב איר אָפּיום.
— אָי, דו ליבער דעמאָן,
און לאָזט שוין מער ניט אָפּ אים.

די וועלט איז פֿריש ווי אַאיר.
דער קוסט שפּילט פֿילהאַרמאָניק.
די ליבע פֿלאַמט ווי פֿייער
און שמעלצט זיך אויס אין האָניק.

פרויען

פרויען, שיינע און רייפע,
באַלאָדן מיט דער לאַסט פון ליבע,
איך האָב אייך געזען אין ליכטיקע געפאַרן:
עס האָט יעדער גליד גערעגט מיט עקזאָטישע באַגערן,
מיט די אויגן געמאָלן טרוימען און געבעטן
פאַר זיך און האָפערדיקע נאַרן —
געהיים געפאַרט זיך מיט אָרימע פאַעטן,
אין פאַרנעפלטע אַלייען פון בולוואַרן
האָט איר ליידנשאַפטלעך שטיל און פרום גערעדט
מיט זשעסט און מעטאַפאָרן . . .
און פאַר באַמאַנונג איז דאָס הארץ צעזעצט געוואָרן.
אַ פרויען, אַלע לאַסטן זיינען שווערע
נאָר לאַסט פון ליבע איז אויך נישט גרינג.
ווען ציינער ווערן שאַרפער פון דעם שכל . . .
און בלוט פרעגלט צניעות.
מיט וויפיל פראַכטן האַניק און פאַנפאַרן
גייט אויף פאַר אייך צום ערשטן מאָל
דאָס פאַרביק ליד פון שיינעם לעסטערער . . .
דערנאָך, און שפּעט — גאָט׳ם טרייסטפולער רחמנות
צום שוץ פון ווייטערן נסיון,
ביז די פאות גרויען
אין לעצטן פלייט-פייף פון הארבסט.

דער טויט פון סיינט בערנאַרד

(באַלאַדע וועגן אַ הונט)

סיינט בערנאַרד איז געלעגן אין גראָז מיטן עק אונטער זיך.
איין אויג פאַרקלעפּט מיט געלם, די צווייטע—אַ גרינער פייערשפּאַלט.
וואָס ער זעט איז ניט ניי, נאָר פאַרוואָס איז די יולי־זון קאַלט?
די וועלט אַזוי קליין: די בודע — אַ פּינטל, דער בוים — אַ שטריך.

אַלט איז זיין ריזיקער קאָפּ, די בראַנזענע מאָרדע ליגט
פאַרשטעקט אין די פיס, די אויערן הענגען ווי שמאַטעס אין ווינט,
די צונג קריכט פון מויל, אַ דינינקער שנירל רינט,
און זעגט מיטן האַלדז ווי אַ ביין וואָלט אין גאָרגל געשטיקט.

וואו זיינען זיי איצט, די אַלע וואָס ער האָט באַמאַנט
און זאָט געמאַכט מיט ספערם פון דעם פיינסטן מין?
איצט, ווען ער איז הילפלאָז קעגן מינדסטן זשוק און בין,
וואָלט עמיצער געקומען אים אַ גלעט טאָן מיט אַ האַנט.

וואָלט כאָטש אַ שטיין געפאַלן פון דעם רויטן דאַך
מיט אַ שמעטערקלאַפּ — עם דערמאַנט זיך אים:
אַ שנייבאַרג אין די אַלפּן. אַ פאַל, אַ שניידנדיקע שטים
און אַ באַקאַנטער רונדער פרויען־קערפּער איז געלעגן פלאַך.

עס האָט ניט געהאָלפן די ספּירט־פּאַס אויף זיין קאַרק,
דאָס לעקן אויף די באַקן: עפּן, טרינק.
דאָס בלוט האָט אים פאַרווירט, נאָר ער האָט דרייסט און פלינק
אַראָפּגעשלעפּט זיין טויטע האַרנטע פון באַרג.

דערנאָך — באַם טויטן-מאַרש, ער — באַם זייט פון קאַטאַפאַלק,
העכער פון דער פלייט און פויק האָט מען זיין יאָמערן געהערט.
אַ מאָדנע זאַך דער טויט: אַ שטילע גרוב, בויגיקע ווערים אין דער ערד.
אָ, ווי לאַנג דאָס איז, יאָרן פליען ווי ענטלעך פון אַ זאַלפּ.

פערצן יאָר, אַ לאַנגער וועג ווי אויף אַ שווינדלבריק,
געטונקלט און געליכטיקט, ווי אַ כאַמעלאָן.
וואו איז ער ניט געווען? וואָס האָט ער ניט געטאָן?
געדינט מיט „אויג" אַ בלינדן פריסט, געשפרונגען אין אַ צירק.

יונגנטיאָרן, אַ היימלאַנד ווייטע, עס געדענקט זיך נאָך
די יאַגד-לייט מיט די ביקסן, דער עכאָ פון אַ שאָס.
אָט דאַכט אים ווי ער שוועבט אין גרינס מיט אַ צאַפּלדיקן האָז,
כאָטש רירלאָז ליגט ער ווי אַ שטיין אין מאָך.

גיי דערצייל ווי אָפט, אַמאָל אין מיטן נאַכט
האָט ער געהערט אַ טרינקענדיקנס געוואַלד,
און ער — אַ שפּרונג אין טייך, ווי אַ בליץ אין וואַלד,
און אָט איז ער צוריק: אַ שטאָרך האָט אַן עופהלע געבראַכט.

פאַר זיג און פרעמדן גליק געצאָלט מיט טויט-געפאַר.
ווער קאָן אים איצט? נאָר אין די אַנאַלן פון „פאָלים גאַזעט"
לעבט נאָך די שריפט וואָס אונטער זיין פאָרטרעט:
„יאַקאָב סיינט בערנאַרד — דער העלדן-עקזעמפּליאַר".

ווי קליין דער לויז, אַפּט געהונגערט און געדאָרשט.
דאָס לעבן איז אַ רויטער ביין מיט ווייסע חזיר־שמאַלץ.
פאַרוואָס אָבער ווערגט אים איצט דער קאָלנער אויפן האַלדז?
צי וועט ער קענען שלינגען כאָטש אַ רעדל לעבער־וואורשט?

אַ ווינטל בלאָזט. בלעטער לאַכן, פּאַטשן זיך מיט גאָלד.
אַ פּיצל פייגל אין דער הויך צעגיסט זיך אין אַ ליד.
יאַקאָב הערט — איז וואָס? אים אַרט שוין קיין זאַך ניט.
וואָלט ער נאָר געקאָנט — ער וואָלט און וואָלט.

די זון פאַרגייט. אַ רויטקייט פאַרגיסט זיין דולן קאָפּ,
פליגן שטראָמען, רייסן דורך זיין סאַמעט, קריכן אים אין מויל.
וואָס שמעקט דאָס אַרום אים אַזוי האַרב און פויל
ווי אַלטע פיש־יויך אין אַ ברודנעם טאָפּ.

ער הערט אַ פייף. אַ לעצטער קיצל פון אַזאַרט.
ער וואָלט אַ שפּרונג געטאָן צום רוף פון גוטן ווירט,
ער אַנט, מ׳גייט, ס׳האָט אים עמיצער באַרירט.
נאָר שטיל און רואיק איז געלעגן סיינט בערנאַרד.

עלעגיע נאָך אַ בוים

אַכצן יאָר איז ער געשטאַנען ביי מיין פענצטער
און מיטן נייגער פון אַ הונטס נאָז
געפּאָרשט מיט די שאָטנדיקע בלעטער אויף די ווענט:
וואָס טוט זיך אין שטוב?
זיך איינגעהערט צום קרעכץ פון שטול, צום קריץ פון פען:
עפּעס ניים אויפן שרייבטיש?
מיר דאַכט ער האָט מיטגעגאַפט
פון אַ פרישן גראָם, פון אַ גוט געבויטן פערז.
און אַמאָל, אין שפּעט נאַכט, אַנגעקלאַפּט אין שויב:
גיי שלאָפן, יאָלד,
ס'וועט סיי ווי גאָרנישט ניט אַרויסקומען פון דעם.

צו שטוינען פון וואַנען ער האָט אָנגעהויבן,
פון אונטער אייזערנע גראַטעס ביי אַ קעלערטרעפּ
האָט ער זיך באַוויזן — אַ ריטל מיט אַ קווייט אויפן קאָפּ,
הכנעהדיק געציטערט אויפן ווינט,
ווי ער וואָלט געפרעגט ביי דער וועלט:
מע מעג? —
קיינמאָל ניט געוואַקסן אין דער הויך,
נאָר אין דער גרעב, קאַפּויער, אַ קריפּל פון געבורט,
יעדן יאָר אַ נייעם בויג, אַ נייעם הויקער.
מער צווייגן — מער מאָנסטער,
אָקטאָפּוסדיק געבויגן, און געבראָכן אַרום זיך
שטאָל, שטיין און קאָנקריט.
ביז ער האָט מיך דערזען אין פענצטער.
מיר האָט ער זיין לעבן פאַרטרויט.

פון אייזן אַז ער האָט איבערגעלעבט
אַזוי פיל מאַלפּיש-פּלינקע קינדער-קלעטערער,
אַזוי פיל האָקנס צו הענגען גרעט,
אַזוי פיל אָנגעשניצטע נעמען, דאַטעס און „הערצעלעך״—
אַלבאָמען פון יונגע אומשולדיקע ליבשאַפטן.
איצט, ווען איך קוק אויף זיין ווייסן איבערבראָך
מיט דעם זאַפּרען-געלן רעדל אין דער מיט
קען איך ניט דערמאָנען זיך ווען ער האָט געבליט.

כ׳האָב אים געזען אין יאוש,
ווען בלאָער אָוונט-סאַמעט פלעגט אונדז ביידן באַפאַלבן
מיט מעלאַנכאָליע.
אין ווייסע סומנע נעכט האָב איך געהערט זיין קרעכצן אין
פראָסט:
„שלעכט, נאָענטער, ביטער איז מיר.״

כ׳האָב אים געזען אין פרייד,
ווען אַפּריל פלעגט אים באַשפּריצן מיט אַ ביסל לעבעכץ,
באַהויכן מיט דימענט-ליכטיקער וואַרעמקייט;
אַז כ׳האָב געעפנט דאָס פענצטער
האָט ער זיך מיט אַ פייף אין שטוב אַריינגעריסן
מיט בינטלעך בעז — זיסקייט פון זיין האַרצזאַפט:
„אַלץ פאַר דיר, מער האָב איך קיינעם ניט.״
כ׳האָב אפילו ניט געוואוסט זיין אַפּאָקאַליפּטישן נאָמען,
פון וועלכן יאָדער ער שטאַמט.
פון וועלכן גיהנום, פון וועלכן אַאַזיס?

אַכצן יאָר, באַרעכן נאָר,
ניט ער אַליין — אַן אויסגעשניטענער טייל פון מיר
מיט איין דונערזאַלפּ — נול.

כ'האָב היינט דעם זייגער ניט אָנגעדרייט,
צוויי מאָלצייטן פאַרפעלט
און די ליולקע ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל.

קאפריז

כ׳וועל אָנטאָן אָן אָנצוג אַ נייעם,
פאַרקאַמען די ווילדע טשופּרינע,
(ווען איך האָב נאָך באַ וועמען צו לייען
אַ שטאָק, און אין לאַץ אַ גאַרדיניע)
און אַרויסגיין באַטראַכטן אַ לאַנדשאַפט אַ שיינע,
ווי אַמאָל פלעגט אַ היינע,
צי וואָרטסוואָרד, צי מילטאָן;
אָ, ווי עס ווילט זיך אַ שפּיל טאָן
מיט אָדעם, מיט ברייטע נאַטור־פּאַנאָראַמעס!
זאָל מען ניט זאָגן: אַ דיכטער פון דלות,
אָן שטיינער וואָס פינקלען, אָן טויבן
וואָס טירקלען; אָן בלומען מאַיאָווע,
כאָטש איין גאָט ווייס דעם אמת,
אַז איך מאָל זיי פון ווינטער שויבן,
אַז דער יעדער פון דיכטונג ליגט אין מחשבה.

סאָנעט

די רייפע צאַרטע רויז מאָנט אויך אַ טראָפּן בלוט
פון גראָבער האַנט וואָס רירט נאָר אָן איר צווייג,
ווייסט ניט פון הכנעה און פון איינרייד — שווייג,
ווען פליקער פּוצט מאָרד מיט שיינעם אַטיטוד.

אויג פאַר אויג, און ווי דעם וואָס איז פייג
צו שטיין אין רעכטער צייט אַנטקעגן שונא'ס רוט,
ביז אומבאַזיגבאַר ווערט דער רשע און רעכט ווערט וואָס
ער טוט.
און דו אַליין — אַ שרייפּעלע אין מערדערס מאָרד-געצייג.

צייט איז גאָט-רייך, נאָר זי גיט ניט פיל
דעם וואָס קוקט אויף פאָלקס-יסורים ווי אויף אַ קינדער-שפּיל;
נאָר אַרויסצורייסן די עלאָקוועטנע צונג
ביים דעמאַגאָג, וואָס שטיקט אין פאָלק דעם לעצטן
לעבנס-פונק.
עס קעמפט פאַרשיידן: דער הדיוט און דער ביבליאָפיל,
דער אָקס מיט זיינע הערנער, דער חכם מיט אַ וואונק.

אַן אָקס אין שניי

אַן אָקס איז אַרוים פון זיין נאַכטיקער שטאַל
אין דער ווייסער, ליכטיקער וועלט.
ער וועט גיין וואו ער וויל. ער איז פריי.
אַז די טיר האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ סקריפּ
האָט ער אַ ציטער געטאָן מיט אַן אויער:
צי איז עמיצער דאָ וואָס זאָל שטערן זיין גאַנג?
ניטאָ, דאַרף מען גיין.
אפשר אַ לויף טאָן?
ער וועט גיין צו דער קו, וואָס האָט נעכטן גערופן.
סאַראַ שטים — מיט אַ האַרצשטאָך
און נאָך עפּעס: געשמאַקער פון וואַרעמען קלייען.
ער געדענקט. אַזוי דאַרף עס זיין.
שניי פאַלט אויף דער ווייכער, שנייאיקער ערד.
קוילן שניי, קופּעס שניי, כוואַליעס.
אַ זיסע פרייד נעמט דורך זיין מענלעכן אינעווייניק.
אַ רעווע אין דער לופט, ווי אַ דונער.
אַן עכאָ צעטראָגט זיין קול אין דער ראָז-בלייכער ווייט.
צי הערט זי אים?
וואַרט, ס'וועט זיין ניט אומזיסט.

שניי פאַלט מאָנאָטאָן און אומהיימלעך שטיל.
שניי אויף שניי, אָן סוף, אָן אויפהער,
און קיצלט די ליטקעס
ווי אַמאָל — די ברייטע מאַמעשע צונג
אויף זיין דין האָריקער פעל נאָך.

איצט וואַקסט שוין דער שניי פון אונטן אַרויף צו.
ווייסע בערג באַשווערן די טריט.
אַ שמיץ מיטן עק.
אַ שטאַמפּ מיט די מעכטיקע פּים.
יעדער פּוס אין אַ באַזונדערער גרוב.
אַ מאָדנע זאַך.
ער דערקענט ניט דעם שליאַך.
עס איז גאָרנישט ניטאָ.
ניט ערד, ניט הימל, ניט שטאָל.
נאָר שניי און נעפּל.
נידעריק הענגט אַ קליינע, געלע לבנה.
דער שניי וועט זי אַרונטערדרייסן,
זי וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ
ווייך ווי אַ הויפן היי.
שניי פאַלט גראָב און גיך.
ער שמייסט מיטן עק אין דעם שניי—דער גאָרניט.
ער איז גרייט מיט די הערנער,
ער וועט שטעכן דעם שונא — וואו איז ער?
ער טרייסלט דעם קאָפּ — ביז ווייטיק.
עס קלינגט ניט אפילו דער גלאָק אויפן האַלדז.

אַ געשמידטער אין ווייכס און ווייס
שטייט ער אַנטקעגן דער אַלמאַכט.
ניט אַ ריר.
ניט פאָרויס, ניט צוריק,

שנײ פֿאַרדעקט שוין זײַן הײסן, שװײסיקן רוקן.
באַטאַפּט שוין די גריװע.
די אויגן שיסן צאָרן, אַנגסט און מורא,
די נאָז שמעלצט לעכער אין שנײ.
אַ לעצטער גרױליקער רעװע:
מע — ע — ע — אַ — ו — ו !
ער איז שוין אין גאַנצן פֿאַרדעקט.
בלויז די אויערן שטעקן
װי צװײ פֿאַרגליװערטע טויבן.

מעלאנכאליע אין א זונטיק אוונט

מעלאנכאליע אין א זונטיק-אוונט

כ׳האָב אַזויפיל געאַנגסט אין מיין לעבן
פון מיין ראַסאָוון איך-אומגליק, איד-אומגליק,
אַז איך מאָג זיך פאַרגינען צו לאַכן
פון מיין „קאַנגעניאַלן" שכן,
דעם חצי ידען,
וואָס וויל מיך איבערמאַכן
מיט זאָראָאַסטרישער ליטראַ - תורה.

קומט ער אַריין מיט דעם ספר׳ל „יאָגי",
איז אויף אים גאָרניט צו דערקענען.
לאַנגזאַם הויבט עס אָן אין אים ברענען
און קלאַפּן נשמה - טרעוואָגע, —
ווייס איך שוין: אַ גרוב איז אויסגעגראָבן
פאַר מיין מימאָזע-צאַרטן זונטיק אָוונט.

קודם — דער מוילגערוך — ערשטע קאַנאָנאַדע . . .
(קרבן האָט די שוואַכסטע דעה)
דערנאָך די נודנע ווערטער - אַדעסעע:
„מ׳דאַרף אין אָט דעם ביכעלע אַריינקוקן
מיט אַ ריין האַרץ און וואונדער-זוכנדיקע אויגן,
ווי אונדזערע באָבעס אין צאינה וראינה,
וועסטו אויף אַן אמת׳ן באַנעמען

וואָס איז גאָט און וואָס איז מענטש,
וואָס איז ברודער-זון און שוועסטער-לבנה.
אַיי דאָס ביכעלע, דאָס ביכעלע.״

זעט ער אַז איך שוויג ווי איינער ערב-נאָס,
ווערט ער אויך פערלעמינאַר אַנטשוויגן
ווי אַ פאַרהאַקטער ביקסנשאָס,
אָבער אַ היץ זעצט פון אים — כדבעי.

— איך וואָלט, זאָג איך, געוואָלט אייך פרעגן,
שכן ליבער, האָט נישט קיין פאַריבל.
וואו איז די ראיה, מאָג איך וויסן?
נאָך פראַנצים פון אַסיסין,
דער קאָראַן און די ביבל —
שלאָגט מען אידן?
און אַז מ׳עט לייענען דעם „יאָגי״
וועט ציבל שמעקן ווי אָרכידן?
בלאָנד באַהאָריקט וועלן ווערן פליכעוואַטע?
טיגער און היענע וועלן נערן זיך מיט וואַטע?

רוקט ער אָפּ דעם טיי,
פאַרשפיליעט די מונאַרקע
און לאָזט זיך גיין.
ער האָט, זאָגט ער, מיט מיר ניט וואָס צו ריידן.

געשעפט איז געשעפט

אַ קו זוכט דעם אָקס, אַ קאַץ — דעם קאָטער.
ווען ערגעץ מאַנט קאָן אויך אַ מאַנאַך מיט דער ביבל ניט שלאָפן.
איז רעכט כאָטש אַ זונה בשתיקה און — פּטור.
טאָ גיי און געפין זי, די גאַס איז אָפן.

גרינג דאָס צו זאָגן, עס קען נאָך אים גריילעך
אַ פינצטערע אומצוכט קומען אַנטקעגן,
נאָר וואָס איז דער חלוק — זיין אייגענער ליילעך
ווייזט אויפן בעט — אַ שווין איז געלעגן . . .

מאַכטיקער יעזוס, גיב מיר דיין ברכה.
שטרויכל מיין טראָט, זע וואו איך האַלט שוין.
פרעפלענדיק גרייכט ער דעם „עמק הבכה" —
(דער צלם, דער צלם איז ניט אויפן האַלדז שוין).

באַם פלאַקער פון נעאָן, אים דאַכט, ער דערקענט זי
נאָך איידער זי האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין ראיה,
ווי געכטן אין חלום אין יעדער דימענזיע . . .
מאַדאָנע ברונעטע ווי סאַנטאַ מאַריאַ.

פון נאָנט שטודירט ער, סאָרטירט זי אין טיפן:
צי איז זי ניט איינע פון יענע מאַרוויכער?
ווי אַ רויטער בליץ — איר רוזש אויף די ליפּן
פלאַמט אים אין פּנים. איצט איז ער זיכער.

ס'איז דאָך זי, וואָס קומט אין זיין קירך אינקאָגניטאָ
פאַרהילט אין אַ לאַנגער שוואַרצער מאַנטילע.
עס טוט אים אַ בים אַזוי ווי אַ פּיטאָן —
ווער וואָלט געגלויבט אַז זי כליפּעט אין תּפילה.

די פעדער פון היטעלע רייסט זיך אין פלאַטער,
די אָונטזון שיסט איר לעצטן ברען:
— פּאַרדאָן, מיין הער, איר גייט אין טעאַטער?
און ענדיקט וואולגאַר: „מיין פּרייז איז צען".

אַ סיניאָריטאַ, דערקענט איר ניט אייער
אייגענעם אָרימען פּריסט פון מילוואָקי?
אַ דריי מיטן קנאַפּל, אַ שפּיי ווי מיט פייער:
— מנוול, אומזיסט? ניט דאָ טייל איך צדקה.

באַלאַדע פון פּיר

כ'האָב געזען אַ הון האָט אַ וואָרים געפּיקט,
און גלייך האָט אַ מאָפּס זי צעריסן.
האָב איך אים מיט אַ שטיין דעם קאָפּ געפּלעט
צו רייניקן מיין געוויסן . . .

פאַר גאָט וועלן מיר שטיין אַמאָל זאַלבאַפערט
און מאָנען אַ משפּט אַ שטרענגען:
— **איינעם פון אונדז קליב אויס און באַלוין,**
די שולדיקע דריי זאָלסטו הענגען.

וועט ער בייסן די נעגל, קייען די באָרד
און וואַרפן מיטלייד־בליקן:
— „ריין ווי גאָלד זיינט איר אַלע פיר,
קינדער מיינע, צדיקים."

מירן ניט גלויבן אַ וואָרט וואָס ער רעדט
און וואַרטן, וואַרטן — און גאַפן,
ביז ער וועט צוגעבן: — וואָלט איך בעסער געוועסט
געליימט ווערן איידער איך האָב אייך באַשאַפן.

צו איינעם מיט אַ רויטער נאָז

וועסט קיינמאָל ניט קענען פאַרוויגן
אין האַרצן דיין אומגליק אין ספּירט,
וועסט נאָך שאַרפער דערשפּירן דעם ליגן
ווי ער וואָלט דיך ביים אָרעם געפירט —

אויף אַ וועג ווי מיט פריסעק באַשאָטן
(ניט ווי דאָס מאָלערל מאָלט . . .)
אויף דעם וועג האָט דער נביא געטראָטן,
אויך ער האָט דעם גאַנג ניט געוואָלט.

נאָר אים האָט געטריבן דער היפּוך . . .
גאָר אַן אַנדער, אַן אַנדער מין קין —
און שרייענדיק, וויינענדיק נעבעך
איז ער קוים אין דער ביבל אַריין.

אָבער דו, מיט דיין האָזענעם אויסזען,
אויפן פּנים די אָפענע קרענק;
קענסט דאָך אפילו ניט פּויזן
ווען מ'וואַרפט דיך אַרויס פון אַ שענק.

דער קראָט קען זיך שיצן אין גריבער,
קאָבילע פאַרקלייבט זיך אין שטאַל,
און דו, וואָס בלייבט דיר דען איבער
פון דער גאַנצער וואַקכאַנאַל?

אַ רינשטאָק — פּאַרקעטענע זאַלן
אין בלענד פון טויזנט כימערעס,
טאַאים אין זיבן וואוּאַלן —
דערנאָך — יאָמער צום אמת.

טאָ טרינק ביז דער קאָפּ וועט זיך דרייען
ווי אַ הונט אַרום אייגענעם עק.
זאָלן די סדומער זיך פרייען,
נאָר זע, קיין רחמנות ניט וועק.

ניט וועק, אָ, שוואַכער בן אדם,
המון האָט אַ „נאָבעלן שם״;
ער וועט קלייבן פון יעדן פּאָדים
פּאַר אַ שטריק דיך צו הענגען אויף דעם.

וועסט קיינעם ניט פעלן און קיינער
וועט בענקען נאָך דיר, נאָר עס וועט
שטענדיק דערמאָנען דיך איינער —
איך, הערמיט — פּאָעט.

צו אַ מיידל

ווייַן ניט , מיידל, מ'טאָר ניט וויינען,
ס'ווערן פון דעם די אויגן קאַליע.
דייַן ליבסטער וועט קומען אַהיים פון איטאַליע
מיט גרויסע מעדאַלן,
מיט טראָלדן, קרייצן און שטרייפן,
ווי דער האַרבסט — ווען בלעטער פאַלן
און ווינטן פייפן . . .

ווייַן ניט, מיידל, מ'טאָר ניט וויינען.
אַזאַ ווי דו דאַרף שטענדיק מיינען
אַז אפילו דער טויט איז פון קנאַפּער באַדייטונג;
דייַן ליבסטער וועט קומען — אַט שטייט אין צייטונג
אַז ער איז נעכטן אַרויף אויפן שיף שוין,
אַז מ'גרייט מיט פּאַראַדן צו ערן
דייַן ליבסטן, דייַן חתן — דעם שמשון.
טאָ ווייַן ניט, מיידל, שאָין די טרערן.
דייַן ליבסטער וועט ברייַנגען אַ סך סואווענירן,
סעקרעטן פון אונטער פאַרשלאָסענע טירן,
אַזוינס וואָס מ'קען ניט אין וואולוואָרטס קויפן;
אַ חלק פון וואַרשאַ, אַ גאַז־טיוב פון דאַכאַו.
און ווייסע שטיקער פון מענטשן־פעטס זייפן.
ער וועט ריידן, דערציילן און זיך אפשר צעלאַכן
פון זיך, פון דיר, פון גורל פון מענטשן
און אפילו פון חכם באַרימטן וואָס רעדט שיין.

נאָר ווען ער וועט אויסטאָן די שיך און דעם מאַנטל
און דעם שמייכל פון פּנים — ריסן אויף פאַרמעט,
פאַרקוק זיך ערגעץ, מאַך זיך דיך אַרט ניט
די גומענע פּוס, דער ניקלענער האַנט־הוק,
וואָס פינקלט ווי די זון אין אַטלאַנטיק.
זאָל זיך דיר דאַכטן דו זיצט אין טעאַטער
(אויך איך האָב דאָרטן נעכט גע'פּטר'ט)
פאַר אַ מיזערע ־ סצענע געשפּילט פון באַיערן,
אַרוים — און פאַרגעסן. (וואויל דעם פאַרגעסער)
טאָ וויין ניט, מיידל, שאָין די טרערן,
ס'איז בעסער, ס'איז בעסער.

אַ תפלה פון אַן אויפגערעגטן

פאַריכט די וועלט, גאָט.
לאָז צו רו דעם טכויר, די שלאַנג און דעם האָטענטאָט,
עכט זיינען זיי געדולדיק און צאַרט,
און שיין איז די ערד, דער הימל איבער אונדז,
נאָר קאַליע און אומריין אַזוי ווי אַ פאַרך
איז דער ראַציאָ-מענטש מיט אַרישן מאַרך.
פאַריכט אים, גאָט, פאַריכט.
ווייזט אַ זשעסט כאַטש פון דיין געטערפליכט,
אַז דו ביסט ניט קיין אויסגעשניצטע טשוטשעלע פון האָלץ
פון איינעם וואָס קען פאַרבן אויך און רעט אַביסל שטאָלץ,
נאָר מיט דער צייט — אַ בערגל מיסט
בלייבט פון בילד און פון אַרטיסט;
ווייז, אַז דו ביזט דאָ,
ווי אונדזער בראָך און שאַנד איז דאָ,
ווי אונדזער מיליאָנענדיקער בר-מינן
איז דאָ — ברייט צעשפּרייט. דערבאַרימען
זאָלסטו זיך אויף די וואָס לעבן נאָך
און וואַרטן אויף אַ יום הדין —

וואַש כאָטש אוים מיט הייסן טערפּענטין
די סופער - פּליי אין פאָטערלאַנד
פון באַך און קאַנט.

צו א מיסיאָנער וואָס ליידט פון חרטה

איך מאָן ניט קיין צינדז פאַר זינד פון דער יוגנט,
בין אַליין דאָרט אַביסל אַ זינדיק פאַרלאָקטער,
נאָר — ס'וואָלט גלייכער געווען ווען דו וואָלסט פאַרמאָגט נאָר
אַ טראָפּן עניוות — און וואָלסט זיך באַנוגנט.

און אויפהערן קלינגען אין גלאָקן באַסאָווע,
סיי־ווי איז ניט ווייט שוין דער סוף פון דעם ראַנגל.
עס וועט שוין ניט קומען פון דעם עוואַנגל
און ניט פון דעם תלמוד דער נס פון דעם נביא.

אומזיסט נאָר ווייקן די פעדער אין טינטער
און שרייבן קרעדאָס אויף לייטס געלעכטער,
ווי יענער אָרימער גאָרטן־וועכטער
וואָס היט די עטלעכע נאַקעטע ריטלעך אין ווינטער.

זאָל ווער עס וויל שעצן די ווערט פון דיין אויפטו,—
נאָר צו וואָס די פאַנפאַרן און שרייען פון דעכער?
אַן עפּעמער פליט. אַן אָדלער פליט העכער.
ס'האָט יעדער זיין אָרט, זיין גורל און עובדא.

צו זיין וואָס מ'איז אַליין איז שוין גבורה,
פלעגט זאָגן מיין פעטער, דער מדרש־קענער:
זיי ליגנער, נאָר טריל ניט מיט פויגל־טענער,
זיי איוב, נאָר קרעכץ ניט ווי אַ באַנדורע.

איך זע דיך אַמאָל ווי אַ דימענט אין בלאָטע . . .
אַט שטעקסטו אין צלם, אַט קלעפּסטו אין שטריימל;
דערוואַרט ניט פון מיר, אַז איך זאָל זיך דריי מאָל
קניען פאַר דיר, ווען דו רעדסט פון חרטה.

חרטה, וואָס איז דאָס? כ'וויל וויסן גענויער:
האַרצוואָונד, דערהויבונג, צי מיסט אויף אַ סמעטניק?
אַ לידל באַשמירט מיט גאַסן-פּאַטעטיק
וואָס האָט ניט קיין פרייד און האָט ניט קיין טרויער.

וואָלסט כאָטש ניט געפלייסט זיך צו קלינגען הויכטאָניק.
כ'האָב פיינט אין תפילה דעם ריטם פון דונער.
כ'האָב פיינט ווען מ'שווערט זיך מיט טיפער אמונה,
וואָס איז גאָט-ריין, ווי אַ קאָברע פון האָניק.

אַ טרייבער מיך ניט מיט אַ טומפּן מעסער
און הענג ניט אויף מיר דיין פאַרוועררטערטע תשובה.
גיי אַריין צו לינל לאַנג, ער האָט גוטע „טשאַפּסואי",
פאַרטרינק מיט קאָניאַק, וועסטו פילן בעסער.

און לאָמיך געמאַך, כ'בין טויב ווי די וואַנט איז
פאַר די „פּקחות" פון דיינע איראָניעס.—
ניט שלעכט ווען מ'האָט טאַלאַנט און מ'קאָן עס,
נאָר ביסט ניט קיין היינע און ניט קיין סערוואַנטעס.

באַלאַדע וועגן אַ געפונענעם אַנטיק

צו יענעם האַלב-דולן, גאָט-פאַרשיכורטן אַהאַב,*
וואָס האָט זיך מיט אַ ווילדן פּלאָנטשטאָב
געיאָגט נאָך „מאָבי דיק”, בין איך
געגליכן מיט מיין להוט זיין און יאָגן זיך
נאָך שיינקייט און פּאַטאָס פון אַ וואָרט,
אַמאָל גאָר אויף אַן אומגעריכטן אָרט.
פאַרצייכן איך אַ קוריאָזן פאַל:
אויף אַ מיסטבאַרג אין אַ קראָם — אַ ביכערשטאַל
האָב איך געפונען אַ זעלטן געפינס —
פון אַ וויטן יאָרהונדערט — אַ ביכעלע, אַ דינס
פון אַ נאָמענלאָזן אויטאָר אַ מאָנאַך,
וואָס האָט געהיים געשריבן אין יאַמבן און טראַכייען
אָפּטעאָזן צום תלמוד און תנ”ך.
נאָר—געכאַפּט אין צייט—מ’זאָל זיך ניט דערוויסן
און עס זאָל אים אָפּגיין גלאַט,
האָט ער אַלדאָס געשריבענע צעריסן
און אָנגעהויבן גאָר אַ נייע בלאַט . . .
צום וואוילגעפעל פאַר פרעמדגעשמאַק, און דווקא ניט
ווי עס פּאַסט פאַר מאָנאַסטירישן הערמיט,
נאָר פאַלש, פאַלש, געפעלשט פאַר דרייען
מיט אַ הארץ פון אַ הבל און פען פון אַ קין.
ס’האָט נאָך צוגעשפּילט דער ווירטואָז אין אים:
אַ שטאָלצער לייב איז איצט דער האָז אין אים.

* אַהאַב — פון הערמאַן מעלווילס בוך „מאָבי דיק”.

ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, געוואָרן מיט דער צייט
באַליבט ביי די דיסטינגוירטע לייט.
נאָר ווען עלטער האָט אים אָנגעהויבן סמ׳ען
מיט וויטריאָל פון עבר, ווי אויף אַ קאָברע-לשון:
אַן אַלט, אַלטע וויגליד פון דער מאַמען,
עכאָס פון קדושים, וואָס ניטאָ שוין,
טאָג און נאַכט ווי אַן אַל אין אויער,
האָט ער איינמאָל מיט געצאַמטן טרויער
געכאַפּט זיך פאַרן האַרץ, ווי ס׳וואָלט געפעלט אים אָטעם
(אַזוי דערציילט דאָס ביכל, נאָר מיט גרינטלעכערע פּרטים)·
אַ רים געטאָן דעם צלם, פאַרוואָרפן מיט אַ שפּיי אים
און אויסגעשריען: רחם, אדני, מן השמים!

צי האָט מען אים געקעפּט, צי האָט מען אים געהאַנגען?
צי האָט ער כאָטש געלאָזן אַ נאָמען?
דאָס לעצטע בלעטל פעלט, איך בין ניט דערגאַנגען,
און מער דערציילט ניט דער דברי הימים.

ש נ א ה

נישט בלינד געווען דער יונג, וואָס מיט דעם קלינגענדיקן נאָמען,
ווען ער האָט מיך ביים סאַמע נאָז געמיידט,
און איבער וואָס? אַ וואָרט מיינס, אַמאָל, וואָס ער האָט שלעכט צעקייט
און זיך אָנגעשטאָפּט מיט קנאה־שנאה־זאָמען,
שוין זיבן יאָר און נאָך ניט אויסגעשפּייט.
ווי קאָן מען דאָס, ווי קאָן מען?

און איך, יאָלד, בין גרייט געווען מיט ציטער אין די פינגער
אויסשטרעקן די הענט: שלום, חבר ליבער:
ווי וואויל דיר פּאַסט דאָס פוטערל פון ביבער,
ווי פרייט מיך, וואָס דיר לעבט זיך איצטער גרינגער,
און ניט אַ וואָרט פון ביטערניש, וואָס שוין לאַנג פאַריבער.
פּכע — רכילות פון בייזע לויזע צינגער.

נאָר האַרטער פון דעם טייוול איז דאָס האַרץ פון האַסער,
ווי שנעל דאָס בייט קלימאַטן און קאָלירן.
אַט האָט ער געשמייכלט וואַרעם, און שוין, דאָס שמייכעלע
נעמט פרירן,
די נאָז ווערט שאַרף און לאַנג, די ליפּן — בלאַסער,

אוים, איך ריר זיך ניט, איך קאָן זיך שוין ניט רירן,
ווי אַ פאַראַנקערטער אין וואַסער.

שנאה, ווי בלינד דו ביסט אויף אַלע דיינע אויגן,
ווי קורץ איז דיין זכרון !
געדענקסט נאָר דעם נול-ווערט פון בלאָנדע יוגנט-יאָרן.
אָרום דיר געשווינט זיין און דיין מי צו שפּאָרן
דאַרף מען שמשונס גבורה און נמרודס פייל-און-בויגן,
אויב מען וויל (און מען מוז דאָך) מיט דיר ווייטער פאָרן.

צו א פשטן ...

וואָס זוכסטו מיראַזשן אין בלויע פאַרנאַכטן,
אַז דאָס שענסטע איז פאָרט אויפן עולם התחתון .
וואָס רייסטו זיך אַהין אין די הויכן,
אַז דו קאָנסט אפילו צו זיך ניט גרייכן ?
פאַרוואָס זאָל אַזאַ ווי דו פאַרשעמען
זיין אייגענעם ווערט מיט נאָכקרימען יענעם
וואָס זינגט סערענאַדעס צו מדבר־כימערן,
(ווייל זוכה איז ער און קאָן זיך פאַרגינען
צו פאַרלירן זיך און זיך ווידער געפינען...)
אָבער דו, פשטן, דערמאָנען דיר וויל איך:
שוין צייט זאָלסט קאָנען
די אַלטע רגילותן דיינע אַ בייט טאָן
און דערזען זיך —
אפילו ווען ס׳ווילט זיך אין שפיגל אַ שפיי טאָן .

צו אַ לאַנדסמאַן פון נינוה

אַלטע פּערזן פאַרשימלט אין שופלאָד
האָבן מיר אין האַנט געטאָן אַ ביס
און האָבן מיר דערמאָנט אַן אַלטן עפּיזאָד
פון ביטערניש, וואָס איז געוואָרן זיס.

ניט אַלץ וואָס איינער וויל, איז וואָס ער וואָלט געקענט,
טו אַ פליק אַ רויז און שטעך ניט אָפּ די פינגער;
און אַז דער אָדלער שוועבט אין בלויען פירמאַמענט,
ווילסטו פליען העכער נאָך און גרינגער? ,

צו פליען הויך איז גוט, נאָר דאָס פאַלן — לויערט,
און ניט אויף יעדן אביון וואַרט דער „מאַשפּות ירים".
ווי איז דעם וואָס פאַלט אַראָפּ און ווערט ווי איינגעמויערט
אין אָפּפאַל, און איז ביים לעבן וואָרים.

האָסט ניט געפאָלגט די וואָרנונג פון אונדזער אַלטן רבי'ן,
אָ, ווי לאַנג דאָס איז, קען זיין דו האָסט פאַרגעסן
זיין זאָג: „טויזנט מוזן זיין דאָ אין לעבן׳
דער גרעסטער מוז איז ריינע הענט און ערלעך ברייט צו עסן."

ריינע הענט און ערלעכקייט — דו ווייסט געניי דעם פּשט.
ציי מאַטערט זיך ניט אויך דער גנב און דער נואף,
וואָס שלינגט מוידנרייץ ווי קינדער — שאָקאָלאַד,
און זיגט . . . ווי דער העלד ביי לעאָניד אַנדרעיעוו.

ביסט יונג און האָפערדיק, באַשטימסט: מע מוז זיך מיען.
דיין רייכער צונג-באַגאַזש איז נאָך ניט אויסגעליידיקט;
ווייסט צו וועמען שמייכלען, פאַר דעם און דעם זיך קניען,
וואָס ווייסן זיי, די דולע לייט, מיט וואָס מ'ווערט פאַראייביקט.

אזוי פיל טינט איז דאָ און גאָלדנבלאַנקע פּענעס,
וואָלסטו אפשר דיין טאַלאַנט אַ פּרואוו געטאָן אין פּערזן?
אַ דריי דעם קאַריק: נו — געווים, איך קען עס,
לידער, עסעיען, פּאַרטיפּטע און פּערוועזיע.

און אָט — דיין פּראָזע בלאַנקט אויף וויסן דרוקפּאַפּיר,
וואו נאָר אַ זשורנאַל — דיין נאָמען אויף דער הילע,
און יעדער שניפּסנהענדלער טומלט וועגן דיר,
עס האָבן זיך באַוויזן נאָכמאַכער אפילו.

ווי האָט דיך רום געלאָקט: כבוד, כבוד.
ביסט גרייט געווען צו געבן (וואָס דו רופסט אָן) אַ קרבן,
דיין נאָמען זאָל קלינגען ווי האַמער אָדער אָוויד.
ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט מיט וואָס דאָס ווערט דערוואָרבן.

די וועלט — אַ הורנהויז, און דו — אַ בלעם אָן געווייסן.
צופאַל, צי מער ווי דאָס, אַבי דיר האָט געגאָלטן;
דיין פּען האָט ווי אַ ביקס אויף אונדז גענומען שיסן.
געזאָלט זיין אונדזער בענטשער, האָסטו גאָר געשאָלטן.

באַנד נאָך באַנד, אַ קאָנטינגענט מיט טומלדיקע אותיות,
דו פּירסט אַ קריג אויף אונדזער גאַס מיט הויכמוט פון אַ צעזאַר,
און יעדע קויל טרעפט . . . דער גוטער יאָר נאָר וויים עס:
דעם בריה זעט מען, דער מענטש אין דיר, וואו איז ער?

צייט איז ניט געליימט, זי בייט אַמאָל איר פּנים . . .
טוט אַ בלענד מיט ליכט אויף זשאַווער פון אַ גדול.
זי זאָגט: גוט געווען מיט אים, איצט איז בעסער אָן אים,
איידער נאָך דו קוקסט זיך אום, — אַ חדש זיצט אין זאָטל.

וואו ביסטו איצט, אַנטוואַפּנטער, אַרום וועלכער ווערבע
בבל'ען דיינע אויגן? (קערסט שוין טראָגן ברילן)
זאָל עס ווערן - - וואָס געוואָרן פון דיין הויכמוט און דיין ווערדע.
יאָ, די וועלט איז אַלט, און זע ווי טיכטיק זי מאָלט נאָך אירע מילן . . .

1940

צו די „אַלימפּער״ ביים האדסאַן

אַט דאָ אין העק, אין ווילדער וויסט,
מיין אויסגעלייטערטע אַליינקייט,
האָב איך מיט לידער אייך באַגריסט.
צי האָט איר אָפּגעשאַצט די שיינקייט?

איך פלעג דאָ אומגיין נעכט און הערן
און ווי לערמאָנטאָוו באַנומען
ווי „אַ שטערן רעדט צו שטערן״,
ווען עלנט פלעגט אַ רגע שטומען.

כ׳האָב אָפּט געקוקט אויף דער לבנה
און זיך איינגערעדט — ביז גלויבן:
אַז דאָרטן זע איך לאַנדוים פּנים,
פון דאָרטן הער איך מאַני לייבן.

ווער פליסטערט דאָס ווי אין געבעט
מיט אַ ווערטערשאַץ אַ רייכן ?
ס׳איז איך, אַלטער, דער פּאָעט .
פאַרוואָס בין איך ניט אייער גלייכן ?

ניט איינס אַ ליד פון אייער פּען
האָט מיך פאַרשכורט און פאַרשאָטנט,
כאָטש איך האָב אויך געוואוסט, מ׳קען
שפּירן אין מיין ליד מיין אָטעם.

און ווי האָב איך נאָך אייך געבענקט,
ווי אַ ברודער בענקט נאָך ברידער:
אויך דאָס האָב איך שוין אויסגעקרענקט.
דערציילט, דערציילט עס, מיינע לידער.

עס קלעפּט זיך ניט ביי אונדז די אחדות,
ניט אייער שולד, און מיינע — אויך ניט.
אַ שוואַרצער שד אַזאַ באַוואַקסט עס,
זיין אויג איז בלינד, זיין חשבון — בויכיק . . .

איך וויים, פאַראַן אויף אַלץ אַ היתר,
כ׳האָב אייך די „לאָרבער־קרענץ״ פאַרגונען.
איך האָב דאָך אויך אַט־דאָ געקלעטערט,
געזוכט — וואָס איר — און ניט געפונען.

האָט אייך געדייצט די מעטראָפּאָליע,
לויב פון קענער, זעער, הערער.
האָט מיך געגלעט די מעלאַנכאָליע,
שמאָטע־קלייבער — מיין פאַרערער.

האָט איר כאָטש ווען דערמאָנט מיין נאָמען?
זאָל זיין אין שטילסטן טאָן, מינאָר. —
(איך וואָלט עס איצטער ניט דערמאָנען
ווען ניט דער בים פון פופציק יאָר.)

פופציק בייזע ראָבן שרייען,
איך בויג זיך אײַן ווי גראָז אין ווינט:
איך רוף דיך איצט, וואו ביסטו, דיין?
זע, מיין שיינער טרוים צערינט.

מיט אייער צער האָב איך געצער׳ט
און קאָן זיך אַלץ ניט איינגעוווינען,
פון אייזן מיין געדולד, איך וואַרט
צו קאָנען זאָגן יאָ אויף ניינען.

1939

וואס דער חלום ברייננט

בלויער מאָרגנדעמער ליילאכט אויף די שויבן.
פראָסט-אוזאָרן, קוגלען, הויבן,
פערלגרויע טרויבן אויף ווייסן סאמעט.
א וואלד א זילבערנער בליט אין דינע דיאַגראַמען.
פרעסקאָס בליצן, עס גליען אויכנשטאַמען.
נאָר אין בעט איז וואַרים.
אין בעט איז חלום.

עס רופט אים איצט די הענטלאָזע... די שטילע
לוצידע, וואונדערווייסע ווענוס פון מילא.
ער הערט צום ערשטן מאָל איר שטים.
ער קאָן זי גוט... צי קאָן זי אים?
זי נויגט זיך פון דעם פעדעסטאַל און זאָגט:
גוט וואָס ביסט געקומען.
יאָרהונדערט אַז איך ווארט אויף דיר
אַדאָ, אין באָרדעל און מאָנאַסטיר;
מיד בין איך פון ווערטלאָזער פאַרהערלעכונג.
מיין מיידלשאַפט וויינט אין מיר, סאַראַ ווידערווילן
צו זונטיקס, קאָצנטריט, ליסע קעפּ און ברילן:
קוקלאָך, קוקלאָך — קביק.
קעלבערנע בליקן פון אַדאָלאָסענקעס,
פּליסטער פון פּיליסטער,

ריי נאָך ריי באַוואונדערער, קאַלטמאַכער, באַליידיקער.
טויזנט יאָר אַזוי און קען זיך אַלץ ניט צוגעוויינען;
ערגער ווי דער הונט אין האַרבסט —
ער האָט מיט וואָס צו ווערן זיך קעגן אינסעקטן.
אַפראָדיטאַ, די שכנה מיינע, ברענט זי ווי אַ ליכט,
זאָגט, איך האָב לייז אין קאָפּ,
נאָר קיינער גלויבט עס ניט.
סם גיסט זיך דאָ פון יעדן געטש.
די „קאַליקע" רופן זיי מיך אַלע.
שאָקיר איך דיר? וואָס שטייסטו אין ערפורכט?
קום נענטער, בלוטפולער דערוואַרימער,
לייז מיך אויס פון קאַלטן שטיין, געשיכטע־שטויב און שומרים.
צעגער ניט, טייערער, זאָג ניט וואָס דו ווילסט, טו —
באַוואונדער ניט מיין שיינקייט איצט, איך ווייס,
ש־ש־שוין געהערט, דער פּזמון האָט מיך קראַנק געמאַכט,
צאָל אַכט צו מיינע רייד, דו זעלטענער גלוסטיקער.
אַ — אַ — שש, איך שווער דיר אויך
נאָך מער פיל דו באַוואונדערסט מיך, באַוואונדער איך דיך,
זים איז מיר דער ביר און טאַבאַק־דופט וואָס שלאָגט פון דיין מויל,
דער שווייס פון דיין לייב, די הענט די האַריקע וואָס ציטערן דיר איצט.
דערבאַרים זיך, ליבינקער, דערוואַרעם מיך, קום.

צי האָט אַ מאַן געזען זי נאָך ווען אַזוי צעשטיפּט?
דעם רייפן בויך, דעם שיינעם בויג ביים היפּט,
די קלאָרע קילע בריסט.
אָט רירט ער אָן די פאַלדיקע וואָלן
און זוכט ווי מיט אַנטענעס אין דער טונקעלניש —
דער גוטער פרויד אים ווייסט וואָס.

א מענטש חלומט

דער מענטש אין בעט שנאָרכט געשמאַק און פלייסיק,
הענט און פיס ווי אין מאַרטער־קלעם;
מייסטער טרוימען־האַר פּלאָנטערט קלוג און בייסיק
זיין אייביקן נאָקטורנעם וועלט־באַנעם.

דאָס האַרץ פון טרוימער הייבט זיך העכער, ברייטער,
דער מענטש איז נייגעריק, זיין גאַנצער גוף איז להוט:
אים דאַכט, ער קלעטערט אויף אַ לאַנגען לייטער.
וויפיל שטאַפּלען ביז דעם לעצטן טראָט?

וויפל מאָל נאָך צאַפּלען דורך דאָס אַלטע האַרץ
ביז גוף דערטאַנצט דעם קורצן עראָס־וואַלץ,
אָפּט געפּאָרט מיט פרעמדס, וואָס ניט דו דערוואַרטסט,
וואונדער זיך: פון וואַנען קומט דאָס אַלץ?

דאַכט זיך אַלץ איז אַלט, וואוילבאַקאַנטע זאַכן . . .
און זע ווי ס'איז געקייטלט מיט שווערער זעלבסטפּאַראַט,
נאָר וואָס נוצן אויגן וואָס זעען איבערפלאַכן.
ניין. ניט אַלץ איז ווי אַ קינדערהינטן גלאַט.

לידער פון אַ מדבר'ניק

צוויי און צוויי איז פיר. די אַריפמעטיק שטימט,
קלאָר, גראַדליניק ווי רעלסן פון אַ באַן.
נאָר אומקלאָר איז, ווי קומט אַ חלום און פאַרקרימט
די שטרענגע לאָגיק פון אַן ערנמאַן?

צו וואָס דאָס שעמען זיך און שטאַמלען וועגן חלום?
וואונטש איז פאָטער פון געדאַנק און האָט אַ צונג צום ריידן,
און אויב דו גלויבסט אים ניט — זיי דו דער שערלאָק האָלם
וואָס זאָל דערפאָרשן דיך גרינטלעך און אָנטשיידן.

איז די ליבשאַפט קלאָר? איז נאָר עגאָ — עיקר?
איז די פיינטשאַפט פינצטער און מטושטש?
פאַרוואָס לאָזט זיך איינער רייסן פון זיך שטיקער
און וויל נאָך באַ זיין תליה אונדז אַ קוש טאָן?

דער סדומער, אין וויגעלע, ווען ער האָט נאָך גע'עופלט,
פאַר אַלדאָס שלעכטס אים נאָך געשענקט אַ קניפּ אין באַק.
ער וואָלט אַפּגעלייקנט — אין בעסטן פאַל — געצווייפלט
אַז פון דאָרטן ציט זיך זיין ליבע צו אַ האַק.

דער צדיק — ערשט פון שול געטענהט מיט דעם רבין . . .
(ערגעץ האָט פאַרצייכנט דער אַלטער זיגמונד פרויד)
צי פייניקט עם אים גאָט? ניין, ס'איז דאָ אַ סוד אין לעבן
און ניט ווייל די ווייב איז אַלט, גענדזלט זיך אים מויד.

אַמאָל איז זי ניט דאַאיק, אָן אויסגעטראַכטער וועזן
פון דער ווייטסטער זאָן: בילד, שטיין גאָר,
אין מוזיי געזען, צי אין אַ בוך געלעזן,
צי אין רינשטאָק אויפן וועג צום שענקער.

נאָר שטענדיק איז זי יענע צאַרטע און אינטימע,
גראָב באַרירט מיט פינגער פון געוויסן;
דורך וויפיל פרויען האָסטו געהערט איר שטימע?
געהערט, געטראַכט און מיט אַ ליפּ פאַרביסן.

"And yet each man kills the thing he loves"

די שיינקייט אָבער בלייבט — אומשטערבלעכער קאָנצעפּט.
קיינמאָל פלאַצט ניט דער דינער זייפנבלאָז.
דו ליבסט די „זאַך" אפילו ווען דו האָסט זי שוין געקעפּט.

ווי זון אין ווינטערנעפּל, קוים אָן אָנונג האָסטו
פון דיינע קינדעריאָרן, פון דער באַעוולטער איז בלויז אַ שפּור געבליבן.
האָסטו איר אָנגעסט פאַרגיטיקט? האָסטו איר צער געמאָסטן?
זי אָבער דערמאָנט ווי געדענק-בוך אַ פאַרשריבנס.

דאָס איז זי דער דיבוק, זי — דער יצר הרע,
אפילו נאָך איר טויט איז זי דיין שטרענגער דיין
וואָס מאָנט, דערמאָנט — ביז מאָמענטאָ מאָרי,
און דו וועסט אַלעמאָל די שולדיקייט באַניען . . .

ווי אומגעריכט זי קומט, אומגעריכט פאַרשווינדט זי,
אויף דיין קישן שמעקט אַ ווייל איר ליבעס־עלעקסיר;
אַמאָל אָבער — אוים העפלעכקייט — און געווים פאַרדינט זי
אַז דו זאָלסט זיך מטריח זיין צו איר.

טאָ גיי דעם מאָדנעם וועג, ניט פרעג וואוהין, צו וועמען?
טו ווי זי פאַרלאַנגט: זעסט דעם ליטער? קריך,
אפילו דורכן קוימען (ניטאָ זיך וואָס צו שעמען)
און ניט פאַרענטפער זיך.

צענויפריד

איך זאָג צו מיין אַלטינקער אַזוי:
זאָלסט קיין שלעכטס ניט ריידן, ווי דו האָסט גערעדט,
און איך וועל מער ניט טאַדלען און ניט לויבן
די אַפּטע געסט וואָס קומען פון די גרויסע שטעט,
ווי העלדן פון אַלטע שונד-ראָמאַנען,
און צעלייגן זיך ווי שווערע רויך-טומאַנען
אויף אונדז און אונדזער אָרים שטוב.
וואָר, זיי זיינען העפלעכע און דאַנקען פאַר אַלץ;
נייגן זיך בא יעדן וואָרט, ווי אין אַ מערי-ווידאָר-וואַלץ—
מוסטערן פון איידעלער געזעלשאַפט,
און פרעסן אויף דערוויל דעם לעצטן פענעץ ברויט,
ס'לעצטע ביסל מאַראַנצן-זאַפט,
וואָס מיר האָבן — ווייסט גאָט — ניט פאַר זיי געגרייט.
און אַז זיי פאָרן אָפּ — וואָס בלייבט פון זיי?
אַ פּוסטע קיך, פאַרפלעקטע בעט און שפּרינגנדיקע פליי,
און דו ביסט אַלט, שוואַך. קענסט דען וואַשן?
און גאָרנישט, מ'הערט פון אונדז קיין הויך ניט,
אין גאָס דערציילן מיר עס אויך ניט.
איז אָפּגעמאַכט: היינט, איידער מיר גייען שלאָפן
לאָז איך אויפן טיש אַ שאַכטעלע מייז-סם אָפן,
געזונטערהייט — אויב זיי ווילן עסן.
און דו רוף אָפּ דעם שטאָט-באַאַמטן, מר. אַמונדעסן,
וואָס טיילט גערעכטיקייט און היט קעשענע-גנבים.
מ'מוז דאָך עפּעס טאָן מיט זיי,
ס'איז ווייניק טאַדלען אָדער לויבן,
וואָרום זיי קאָנען נאָך (אַ ווינטער יאָר אויף זיי)
שמייכלענדיק אַזוי אונדז ביזן העמד באַרויבן.

וואס מ'זעט אין דער לבנה

צום צווייטן מאָל דערקען איך אין דער לבנה
געזיכטער באַקאַנטע,
ערשט נעכטן געזען אַ שאַרפן פּראָפיל פון דאַנטע
אין אַ ראָם פון נעבולע, באַזוימט ווי אַ קירכנאַיקאָנע.
ניט איינמאָל געזען אין פאַרביקע וואָלקנס מאַסיווע,
ביי אַן אָפענעם ספר, דעם מופלג רבי עקיבא —
דעם לייוונט - בלייכן שפינאָזע
אין גאַר זיין עלנט — זיין גלאָרי־פּאָזע . . .
איך האָב אין די וואָלקנס געזען אַזוי ווי מ'זעט אויף אַ פילם
מיין זיידן אין טלית און תפילין:
ש־ש־ אין מפסיקין,
ברוך הוא ברוך שמו. —
איך וואַרט אויף אַ נאַכט ווען דער הימל איז בלוי,
שטערן — קרישטאָלענע שויבן,
לבנה פלאַקערט דורך עמבער,
און איך וועל דערזען אין פראַק און צעלענדער
דעם לאָרד משה לייבן:
„— אָהיי און אָהאָ, אַ מענטש איז דאָ",
וואָס מאַכט מען אין לאַנד פון לידער?
— ניט שלעכט, משה לייב, וועל איך זאָגן,
ניטאָ זיך אויף וואָס צו באַקלאָגן,
משרייבט, וואָדען, מעט ניט שרייבן קיין לידער?
מווערט בלויז אַביסעלע מידער.

כבין לאַנג ניט געווען אויף דעם ווערטער־יאַריד,
און כוויים ניט ווי הויך, צי נידעריק
דער קורס פון דער ניקערבאָקער גילדע האַלט,
נאָר אין שטעטל אַדאָ בין איך שוין באַלד
דער לעצטער און איבעריק.
אַז פאַר לידער אַ פּאַק וואָס איך שרייב אין אַ מאָנאַט
קלעקט ניט אפילו אויף קאַפי און דאָנאַט.
אַז אַרום און אַרום זיינען מיינע פאַרערער —
אַ טוצן „דזשוּאיש רידער"
און ווערן ניט מערער.
באַלד — און אויך זיי וועלן פאַרן,
צו אַלדע גוטע יאָרן —
פאַר וועמען לידער?

איך דער שמעטערלינג ווייס

עס איז קיינעם ניט גרינג,
לעב אַ שעה צי אַ יאָר אכציק.
עס וועט דיר אַפילו דער שמעטערלינג,
וואָס איז לאַסטלאָז, דאַכט זיך,
דערציילן פון פלאַנטער און מאַטער.
גרינגער איז שוין דער לעצטער פלאַטער
באַם ראַנדעוואו
מיט דעם מקור פון רו;
זוכט ניט אפילו קיין גרעזעלע צוקאַפּן
ווען אים לייגט אַוועק
אַ גראָבער רעגנטראָפּן.

ביימער

ביימער שטאַרבן ניט אַליין.
זיי נעמען מיט די פידלען פון די ווינטן,
די הימנס פון די נעסטן,
די שפּיגלען פון דער זון,
געלעכטער פון די בלעטער,
און איידלסטן פּערפיום, —
און לאָזן אונדז איבער די מיסטעריע
פון אחדות און געדולד.

ביימער שטאַרבן ניט אַליין.
ביימער שטאַרבן ניט ווי מענטשן.

פייער - פליגן

ווען איך בין אַזוי וויכטיק ווי שעקספּיר,
וואָלט איך אייפעריק דערמאָנט
(אָן פּאָמפּ און אומשטאַנד)
די, וואָס זיינען דאָ כאָטש האַלב געווען,
געפינצערט אין דער זון,
געבלענט דעם קורצן צאַנק —
ווי פייער־פליגן — צעטרענצלט גאָלד און גראָז.
ווייסט דער גוטער יאָר פאַרוואָס
זיי גייען ניט אַריין אין די אַנאַלן
פון ספּערם און מיקראָב;
זיי האָבן דאָך דיר אויך געצאָלט
מיט ז י ך.
פאַרוואָס ? — אפילו פרעגן ניט געוואָלט.

געוויסנביסן

גרויזאַמע שעה פון חרטה,
ווי שטרייננג איז דיין אָנקום:
מירמעלנע ווענט פון פּאַלאַצן,
אייזערנע גראַטן פון תפיסות —
אַלץ ברעכסטו איבער.
דערמאָנסט וואָס מע טאָר ניט געדענקען,
פאַרנעפּלסט וואָס טרייסט דעם זכרון,
און פּיין ווערט סטאַביל ווי די „ראַקים".
איז וואָס זיינען טרערן
און וואָס זיינען טענות
קעגן דעם מויל פון געוויסן,
וואָס בייסט ווי אַ קאָברע —
ביז האַלדזן דעם רשע,
ביז קושן דעם שונא.
און האַרץ, ווי אַ פעדער אַ ווייסע,
פלאַטערט אין מאַטער
און פאַלט אין די אָרעמס פון גאָט.

האַלט סוד

לערן זיך דיין סוד ניט צו אַנטפּלעקן,
אויף די פינגער צייל די וואָס מאָגן וויסן.
געדענק: דיר קאָן אַמאָל אַ וואָרט פאַרדריסן,
מיט טויזנט שלייערן זאָלסטו דיין צער פאַרדעקן.

פאַרבאָרג, דערשטיק אין האַרצן דיינע ווייען,
זיי שטענדיק גרייט אַ „שמייכעלע צו קרימען";
דו וועסט אַמאָל אַליין מיט דעם זיך רימען,
דו וועסט אַמאָל אַ שטאָלצער זיך דערפרייען.

צייט, די היילערן, וועט דיינע וואונדן היילן,
דיין „פריינט" קאָן מאָרגן דיר אַ שונא ווערן.
אַזוי, אַזוי — וועסטו זיך שמייכלען, קלערן:
פאַר וועמען כ'האָב מיין סוד געוואָלט דערציילן.

לעסטער גאט און שטארב

— איוב ב׳

גלויב אין גאָט און היט דעם תהלים,
גיי אין שול און פאַסט תעניתים,
ווען צאָרן שרייט ניט איינצוּשטילן
און אָרום דיר אַ ים מיט מתים.

זיי סופער פרום און גלאָץ די אויגן,
מאַך פאַר יעדן לומפּ אַ וואָרע.
און דו — אַ פליג אין קעסלפּויקן
צו אַ וואַגנערישער פאַנפאַרע . . .

פאַרלאָז אַ באָרד זיך פון אַ רבין,
פּרעפל שורות פון ישעיהן,
פריידיק אָפּ דיין גאַנצן לעבן —
יושר זאָל די וועלט באַפרייען.

פאַר דיין לעצטער תפלה־זכה
מאָל דיר אויס אַ גאָט־געוויסן;
טו זיבן מאָל אויף דעם אַ כראַקע
און שטארב אָן איינציקן טויט אַ זיסן.

ווען דער ווארים איז מפסיק

דער טויט איז מעכטיקער פון ביכער
און קלאַסישער נאָך פון מאַנטעין,
זיין וועג אין אָפן, גראַד און זיכער,
נאָר אַ בריק אַריבערגיין.

סיי דער וואָס מיט דער לאַסט ווי אייזן,
וואָס טראָגט זיך אָפּ נאָך פאַר דער צייט,
סיי דער וואָס ציפּערט און וויל ווייזן
זיין אויפטו פאַר דער אייביקייט.

אַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן,
מיד, ווי זויגלינג נאָכן פרעס,
קניען זיך צום שלאָף פון אייביק:
דער פּחדן ווי דער הערקולעס.

טויטע העלדן פון דער קלאַסיק,
אומשטערבלעכקייט — אַ פּוסט געשריי;
דער דינער וואָרעם איז נאָר מפסיק . . .
ווען מיר אַדאַ דערמאָנען זיי.

באַמערקטע דרוקפעלערן

זייט 22, שורה 3 —
דאַרף זיך לייענען:

ליב און האַמער האָבן איינגעבויגט מיין נאַקן

זייט 31, שורה 10 —
דאַרף זיך לייענען:

קיין סאָבסטיטוט ניטאָ, ניטאָ.

זייט 60, שורה 2 —
דאַרף זיך לייענען:

וואָלט איך אויפגעשפילט די פרייילעכסטע יללה

זייט 62, לעצטע שורה —
דאַרף זיך לייענען:

ווי יענער פון „לאָרעליי".